בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא

271

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
## קרן הדפסה
## היכל הקודש
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֶעג מֶען נוּצְן מַעֲשֵׂר גֶעלְט פַאר אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה?..................................א

אִיךְ וַוארְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אוֹיף אַ שִׁידוּךְ, זָאל אִיךְ נֶעמֶען אַ גְרוּשָׁה?....................ב

וָואס טוּט מֶען וֶוען מַיין מַאן אִיז נִישְׁט מַסְכִּים אִיךְ זָאל הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים?..................ג

זָאל אִיךְ פָאהְרן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן, אַ חוֹדֶשׁ פַאר מַיין חֲתוּנָה?....................ה

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעכַאפְּט אַ קְלַאפּ, דַארְף מֶען נָאכְאַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ.............................א

חַזֶר'ט אֱמוּנָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאר גוּט..........................................ב

דִי זְכוּת אִין קוֹיפְן דֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן בֵּית הַדְפוּס אִין לִיבֶּערְטִי ..........................ג

אַ חֵלֶק אִינֶעם "אַבְנֵי הַיְסוֹד" צוּ קֶענֶען קוֹיפְן דֶעם בִּנְיָן בֵּית הַדְפוּס..........................ג

שְׁטַר הַלְוָאָה, הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער צוּ עֶנְדִיגְן אוּנְזֶער בִּנְיָן אִין אוּמַאן ..............ד

נָאר דוּרְךְ דְרוּקְן דִי סְפָרִים, וֶועט זִיךְ וַוייטֶער צִיעֶן דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ............................ד

דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין הַדְפָּסָה וְהַפָצָה, זֶענֶען מְקָרֵב דִי גְאוּלָה ..........................ה

מוֹהֲרַ"א"ש וֶועט זִיךְ זִיכֶער מִיעֶן פַאר אַלֶע וָואס הֶעלְפְן דִי הַדְפָּסָה ..........................ו

אַז מֶען אִינְוֶועסְטִירְט אִין הֵיילִיגֶע זַאכְן, אִיז דָאס אַ זִיכֶערֶע פַארְדִינְסְט ..........................ו

הִתְקָרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן זָאל נִישְׁט אַוֶועקְנֶעמֶען דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע גוּטֶע זַאכְן..........................ז

מִיטְ'ן הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים אִיז מֶען מַצִיל דִי גַאנְצֶע וֶועלְט ..........................ח

דִי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִלְיוֹנוֹת וֶועלְן אַרָאפְּוֶועגְן דֶעם וָואגְשָׁאל לְטוֹבָה..........................ט

מִיטְ'ן גֶעבְּן פַאר צְדָקָה פַאר הַדְפָּסָה, אִיז דָאס אַזוֹי וְוִי הֲפָצָה ..........................ט

אַ מַתָּנָה פַארְ'ן אַנְטֵייל נֶעמֶען אִינֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן פַארְ'ן בֵּית הַדְפוּס..........................י

לָאז נִישְׁט אָפּ דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה פַארְ'ן בֵּית הַדְפוּס..........................י

אַשְׁרֶיךָ שֶׁזָכִיתָ צוּ הֶעלְפְן קוֹיפְן דֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן פַארְ'ן בֵּית הַדְפוּס ..........................יא

וֶוער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דָאקְטוֹרִים, דַאנְק אוּן בֶּעט וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט..........................יב

אִין אַפָאר יָאר אַרוּם וֶועלְן זַיין נָאךְ דַיָנִים, תַּלְמִידִים פוּן אוּנְזֶער כּוֹלֵל ..........................יג

אִיךְ ווִיל נִישְׁט בְּשׁוּם אֵין אוֹפֶן נֶעמֶען גֶעלְט פוּן טֵייטְל-1 פַאר דִי מוֹסְדוֹת.................... יד

ווִי קֶענְסְטוּ שְׁרַייבְּן מִיט חוּצְפָּה אַז צוּם גְדַלְיָ' וֶועט מֶען עֶסְן פְרִישְׁטָאג?.................... טו

עֶס אִיז אַזוֹי ווִיכְטִיג אוֹיסְצוּהֶערְן דִי וַוייבּ.................... טו

מַאךְ מִיר פָּשׁוּט'עֶ זִיצְן אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער, נֶעבְּן מַיינֶע קִינְדֶער.................... טז

צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת אִין יְרוּשָׁלַיִם עַל טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ .................... יז

דוּ לֵייגְסְט אַרַיין דַיין גַאנְצֶע הַארְץ, כֹּחַ אוּן מֹחַ, אִין דִי קִינְדֶער.................... יח

מֶען נֶעמְט אַוֶועק מַיין עֶסְן אוּן שְׁלָאפְן, אָבֶער אִיךְ פָאר צוּם רֶבִּי'ן .................... יט

מִיר דַארְפְן רַחֲמֵי שָׁמַיִם אַז מִיר אוּן אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת זָאלְן בְּלַייבְּן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן .................... כא

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ קוּמְסְט קַיין אוּמַאן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער.................... כב

מִיר נֶעמֶען אַלֶע מִיט דִי קִינְדֶער קַיין אוּמַאן .................... כג

בְּעִיקָר דַארְף מֶען בֶּעטְן אַלֶעס זָאל זַיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.................... כד

אִיגְנָארִירְן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת .................... כה

וֶוען מֶען אִיז אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, אַרָאפְּגֶעפַאלְן, נִידְרִיג, וַוייט, אוּן אַ דוּרְכְּפַאל.................... כו

קְרִיַת בְּרֶסְלֶב אִיז אַ הֶערְלִיכֶע פְּלַאץ .................... כז

אַ שֵׁיינֶע סֵפֶר תְּהִלִים פַאר דִי תַּלְמִידוֹת פוּן דִי נֵייעֶ שׁוּלֶע אִין יְרוּשָׁלַיִם.................... כז

גֶעבּ אַכְטוּנְג דַיין וַוייבּ זָאל נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין לַחַץ פוּן דִיר.................... כח

וואוּיל אִיז אַייךְ אַז אִיר זֶענְט מְכַבֵּד אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.................... ל

דֶער רֶבִּי הָאט מַמְתִּיק גֶעוֶוען פוּן דִיר שְׁוֶוערֶע דִינִים.................... לא

מִיר קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן אָן חוֹבוֹת, אָן קְרַאנְק וֶוערְן.................... לב

זְמַנִים פַאר רֹאשׁ הַשָׁנָה שְׁנַת תשפ"ג הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה.................... לד

וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְן קַיין אוּמַאן, וָואלְט אִיךְ גֶעשִׁיקְט מַיינֶע קִינְדֶער .................... לו

דָאס דַארְף אוּנְז לִיגְן פַאר אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן, מִיר זָאלְן לֶעבְּן בְּאַחְדוּת.................... לו

דֶער עִיקָר וָואס מִיר בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן אִיז דָאס אַיינְשְׁפְּרִיץ פוּן אֱמוּנָה.................... לח

כָּל זְמַן מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, מֶען הַאלְט אָן דִי מִלְחָמָה, אִיז גוּט.................... לט

מֶען קֶען בְּרֶענְגֶען צוּם רֶבִּי'ן הַתְחָלוֹת אוֹיךְ.................... מב

שֵׁיינֶע סְעוּדוֹת פַאר אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס דִי מֶענֶער פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָׁנָה.................... מג

ווִי אַזוֹי אַ פְרוֹי קֶען אוֹיסְנוּצְן דֶעם הֵיילִיגְן טָאג רֹאשׁ הַשָׁנָה.................... מד

עֶס וֶועט זַיין גוּט.................... מה

אֵיינֶער וָואס קֶען מִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מוֹפֵת, דָאס אִיז אַ רֶבִּי! .......... מז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**מֶעג מֶען נוּצְן מַעֲשֵׂר גֶעלְט פַאר אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מֶעג אִיךְ נוּצְן מַעֲשֵׂר גֶעלְט צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ח׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תה): ״הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבָּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִלּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי״, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ מַתָּנָה; נִישְׁט נָאר אִיר - מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענְט תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.**

**קֶענְסְט נוּצְן מַעֲשֵׂר גֶעלְט, קֶענְסְט גֵיין נָאךְ גֶעלְט; וָואס דוּ קֶענְסְט נָאר טוּן זָאלְסְטוּ טוּן - אַבִּי קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן תג): ״הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל״, מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה,**

"וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִישׁ לֹא יֵעָדֵר, כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער פַארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז, אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס קוּמְט צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אִיךְ וַוארְט שוֹין אַזוֹי לַאנְג אוֹיף אַ שִׁידוּךְ, זָאל אִיךְ נֶעמֶען אַ גְרוּשָׁה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וַוארְט שוֹין אַזוֹי לַאנְג אוֹיף אַ שִׁידוּךְ, אִיךְ וִויל פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיבּ אִיךְ זָאל נֶעמֶען אַ גְרוּשָׁה, אָדֶער זָאל אִיךְ זִיךְ עַקְשְׁנ'ֶען אוּן וַוארְטְן דַוְקָא אוֹיף אַ מֵיידְל?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ח' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן דֶער בֵּרַךְ מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶס גֵייט נִישְׁט קַיין שִׁידוּכִים פַאר זַיין זוּן אוּן מֶען טְרָאגְט אִים אָן אַ גְרוּשָׁה, וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף דֶעם. הָאט אִים דֶער בֵּרַךְ מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אוֹיב אִיז דָאס אַ גוּטֶע זַאךְ - זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם אַז זִי אִיז אַ גְרוּשָׁה, דִי נָאמֶען 'גְרוּשָׁה' אִיז נָאר בִּיז זִי וֶוערְט אַ כַּלָה, אֵיינְמָאל זִי וֶוערְט אַ כַּלָה טְרָאגְט זִי דִי נָאמֶען 'כַּלָה', אוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז זִי אַ 'וַוייבְּל', אוּן נָאכְן הָאבְּן קִינְדֶער טְרָאגְט זִי דִי נָאמֶען 'מַאמֶע'; דִי נָאמֶען 'גְרוּשָׁה' אִיז נָאר וִוי לַאנְג זִי אִיז אַלֵיינְס", וְדִבְרֵי פִּי חָכָם חֵן.

עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין כְּלַל בַּיי דֶעם; אוֹיב מֶען טְרָאגְט דִיר אָן אַ גוּטֶע זַאךְ - אִיז זִיכֶער כְּדַאי זָאלְסְט אַרוֹיסְגֵיין מִיט אִיר אוּן זֶען אוֹיב דָאס אִיז דַיין שִׁידוּךְ.

שְׁטַארְק זִיךְ, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ. בְּלַייב שְׁטַארְק מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִלָּה, בְּלַייב שְׁטַארְק מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מִיט דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת יֶעדְן טָאג דַוְקָא מִיט מִנְיָן, אוּן בְּעִיקָר גֵיי אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אוּן אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ - מַאךְ זִיךְ פְרֵיילִיךְ, בִּיז דוּ וֶועסְט הַאלְטְן בַּיי אֱמֶת'עֶ שִׂמְחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**וָואס טוּט מֶען וֶוען מַיין מַאן אִיז נִישְׁט מַסְכִּים אִיךְ זָאל הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ יוּנְגֶע וַוייבְּל פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים פַאר מַיין חֲתוּנָה, אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַסַאךְ חִיזּוּק אִין אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה בִּזְכוּת דִי שִׁיעוּרִים.

יֶעצְט, נָאךְ מַיין חֲתוּנָה, זֶע אִיךְ אַז מַיין מַאן אִיז זֵייעֶר נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן דֶעם אַז אִיךְ בִּין מְקוֹרָב צוּ בְּרֶסְלֶב. וָואס זָאל אִיךְ טוּן? דַארְף אִיךְ אִים פָאלְגְן אוּן אוֹיפְהֶערְן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים וָואס בְּרֶענְגֶען מִיר אַזוֹיפִיל קִרְבַת אֱלֹקִים, שִׂמְחָה אוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י״א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייט קְלוּג, בַּאנוּצְט זִיךְ מִיט חָכְמָה - וֶועט אִיר אִים אוֹיךְ קֶענֶען מְקָרֵב זַיין. אַייעֶר מַאן הָאט גֶעהֶערְט לָשׁוֹן הָרָע אוֹיפְ׳ן רֶבִּי׳ן; לֵיידֶער אִיז דָא אַסַאךְ לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף בְּרֶסְלֶב, דִי מַחֲלֹקֶת צִיט זִיךְ שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג, פוּן רֶבִּינְ׳ס צַייטְן; דָאס מַאכְט עֶר זָאל נִישְׁט וֶועלְן הָאבְּן אַ וַוייבּ וָואס הָאט צוּ טוּן מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט רֵייצְן מִיט קֵיינֶעם, נִישְׁט מִיט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן זִיכֶער נִישְׁט מִיט אַייעֶר מַאן; מֶען קֶען זַיין צוּגֶעבִּינְדְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אָן דֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל וִויסְן. בַּיי מֶענֶער אִיז דָאס אוֹיךְ אַזוֹי, מֶען קֶען זַיין צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי׳ן, לֶעבְּן מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט חָלוֹמְ׳ן - אוֹיסֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶעמָאלְט מוּזְן אַלֶע מֶענֶער פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין גֵיין צוּם רֶבִּי׳ן, אָבֶער בַּיי פְרוֹיעֶן אִיז דָאךְ נִישְׁט שַׁיָיךְ פָארְן קַיין אוּמַאן; קֶען מֶען זַיין מְקוּשָּׁר אָן דַארְפְן אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן פַאר קֵיינֶעם. וַוייל בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁט קַיין פְּלַאץ, בְּרֶסְלֶב אִיז שֵׂכֶל; דֶער רֶבִּי גֶעבְּט שֵׂכֶל, דֶער רֶבִּי אִיז מְחַזֵּק וּמְעוֹדֵד יֶעדְן אֵיינֶעם, דֶער רֶבִּי שַׁיינְט אַרַיין אֱמוּנָה, מֶען זָאל גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט פֶערְצוּפַאל, אַלֶעס הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן; דֶער רֶבִּי שַׁיינְט אַרַיין הָאפֶענוּנְג. אִיר קֶענְט אוֹיסְהֶערְן דִי שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי׳ן, דִי חִיזּוּק אוּן דִי עֵצוֹת וָואס גֶעבְּט אָטֶעם פַארְ׳ן לֶעבְּן, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין רְשׁוּת פוּן קֵיינֶעם צוּ הֶערְן חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת פוּן צַדִּיקִים; נֶעמְט דִי עֵצוֹת אוּן לֶעבְּט מִיט דֶעם.

אֵיינֶע פוּן דִי וִוּיכְטִיגֶע זַאכְן בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז שָׁלוֹם בַּיִת; טוּט אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ. זַייט מְכַבֵּד אַייעֶר מַאן, רֶעדְט צוּ אִים וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ פֶּערְזֶענְלִיכְקֵייט, זַייט שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַאר אִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵירוּבִין ק:) אַ פְרוֹי וָואס אִיז גְרֵייט פַארְ׳ן מַאן וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער אַזוֹי גְרוֹיס, גְרֶעסֶער פוּן דִי דוֹר פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ; אוּן

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן וִויסְן פוּן רֶבִּי׳ן, אַלֶע אִידְן זָאלְן אַיינְעֶרְקֶענֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִּיקִים, עֶס זָאל בָּטֵל וֶוערְן אַלֶע מַחֲלֹקֶת אוּן אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע׳ס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### זָאל אִיךְ פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן, אַ חוֹדֶשׁ פַאר מַיין חֲתוּנָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אִין צְוֵויי חֳדָשִׁים אַרוּם, וָואס אִיז דִי בֶּעסְטֶע הֲכָנָה צוּ דֶעם גְרוֹיסְן טָאג אִין מַיין לֶעבְּן?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל פָארְן דָאס יָאר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוֹיבּ עֶס אִיז כְּדַאי זִיךְ צוּ פַארְפְּלָאנְטֶערְן מִיט מַיין טַאטֶע אַ חוֹדֶשׁ פַאר דִי חֲתוּנָה?

מַיין כַּלָּה וֵוייסְט נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, ווִי אַזוֹי זָאל אִיךְ אִיר דָאס דֶערְצֵיילְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י״ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן, מַאכְן אַ הֲכָנָה פַאר דַיין חֲתוּנָה - אִיז פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תו): ״שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים״, מֶען קֶען דֶעמָאלְט בַּאקוּמֶען אַ תִּיקוּן, ״מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה

בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן", אֲפִילוּ אִינְמִיטְן דִי יָאר וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאקוּמֶען אַ תִּיקוּן, "אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן", דָאךְ, רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ זֵיי אַלֶע פַארְרֶעכְטְן. "אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם", אֲפִילוּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קֶען זֵיי נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין אַ גַאנְץ יָאר, "אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים", אָבֶּער רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר זֵיי אַלֶע פַארְרֶעכְטְן, "כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת".

קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין טַאטֶע, מִיט אַ טַאטֶע טָאר מֶען נִישְׁט טַעְנָה'ען; אַז עֶר שְׁרֵייט אוֹיף דִיר זָאלְסְט נִישְׁט פָארְן - זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין אִין וִיכּוּחִים מִיט עֶלְטֶערְן; דוּ פָאר צוּם רֶבִּי'ן אוּן דֶער רֶבִּי וֶועט דִיךְ מְתַקֵּן זַיין.

דַיין כַּלָּה וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז זִי בַּאקוּמְט אַ חָתָן וָואס הָאט אַ גֶעפִיל צוּ פָארְן צוּ צַדִּיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, בִּפְרַט רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר דִי חֲתוּנָה; אַלֶע חֲתַנִים פָארְן אוֹיף מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים, זִי וֶועט עֶס אָנְקוּקְן גוּט.

וַוייסְט אַוַדַאי וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אַ חָתָן, דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת יז.): "כֵּיצַד מְרַקְּדִין לִפְנֵי הַכַּלָּה", דֶער רֶבִּי הָאט אִים דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען: "כֵּיצַד 'מְרַקְּדִין וּמְדַלְּגִין' עַל מַה שֶּׁהָיָה לִפְנֵי הַכַּלָּה, הַיְנוּ לִפְנֵי הַחֲתֻנָּה", מְרַקְּדִים אִיז טַייטְשׁ טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען; מֶען דַארְף אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען וָואס אִיז גֶעוֶוען פַאר דִי חֲתוּנָה; אַ חָתָן דַארְף פַארְגֶעסְן זַיין גַאנְצֶע עָבַר אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּנְדַאסְנֵיי (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקפו).

נָאךְ דִי חֲתוּנָה דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר קְלוּג צוּ קֶענֶען הַאלְטְן לִיבְשַׁאפְט צְוִוישְׁן דִי וַוייבּ אוּן דִי עֶלְטֶערְן. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט, בַּיים הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי מָרְדְּכַי'לֶע פוּן נָאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען זַיין מַאמֶע פְלֶעגְט אַרַיינְקוּמֶען צוּ אִים אִין צִימֶער רֶעדְן צוּ אִים שְׁלֶעכְטְס אוֹיף זַיין וַוייבּ, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְּכַי'לֶע זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיר אוֹיסְגֶעהֶערְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן כָּבוֹד. נָאכְן עֶנְדִיגְן רֶעדְן, וֶוען זִי אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר

גֶענוּמֶען זַיין קַאפְּל, דָאס אוֹיסְגֶעשָׁאקְלְט אוּן זִיךְ צוּרִיק גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען. שְׁפֶּעטֶער קוּמְט אַרַיין דִי רֶעבִּיצִין אוּן הוֹיבְּט אָן שְׁרַייעֶן: "דַיין מַאמֶע אִיז דָא גֶעוֶוען, וָואס הָאט זִי גֶעוָואלְט? דַיין מַאמֶע אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע, אַ בִּיטֶערֶע, אִיךְ בִּין אַסַאךְ בֶּעסֶער פוּן דַיין מַאמֶע", זִי הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעשְׁרִיגְן; וִוידֶער הָאט אִיר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן גֶעשָׁאקְלְט מִיטְ'ן קָאפּ, אוּן וֶוען זִי אִיז אַרוֹיס פוּן צִימֶער הָאט עֶר גֶענוּמֶען זַיין קַאפְּל, דָאס אוֹיסְגֶעשָׁאקְלְט אוּן זִיךְ צוּרִיק גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען.

מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה אוּנְז צוּ לֶערְנֶען נִישְׁט צוּ זַיין נַארִישׁ אוּן אִיבֶּערְזָאגְן שְׁלֶעכְטְס וָואס אֵיינֶער זָאגְט אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, נָאר יֶעדְן אֵיינֶעם מְכַבֵּד זַיין אוּן יֶענֶעם גֶעבְּן דִי גֶעפִיל אַז מֶען אִיז גֶערֶעכְט, אוּן שָׁלוֹם עַל יִשְׂרָאֵל.

קוּם קַיין אוּמַאן; נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא רֶבִּי, אַ רַחְמָנוּת'דִיגֶער רֶבִּי וָואס לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ אוּנְז אַזוֹי וִוי אַ רַחֲמָנוּת'דִיגֶע מַאמֶע וָואס נֶעמְט אִיר פַארְשְׁמִירְטֶע קִינְד, וַואשְׁט עֶס אָפּ אוּן רֵיינִיגְט עֶס מִיט אַזַא רַחְמָנוּת; דָאס טוּט דֶער רֶבִּי מִיט אוּנְז, עֶר וַואשְׁט אוּנְז אָפּ פוּן אַלֶע פְּגָמִים אוּן עֶר אִיז אוּנְז מְתַקֵּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעכַאפְּט אַ קְלַאפּ, דַארְף מֶען נָאכְאַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, כ׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן
לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וַוארְט אוֹיף דִיר; מֶען וַוארְט אוֹיף דִי נַייעֶ סְפָרִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אִישׁ אֱמוּנוֹת. מֶענְטְשְׁן זֶענֶען הַיינְטִיגֶע טֶעג אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי אַזוֹיפִיל צָרוֹת וְיִסוּרִים אוּן נָאר דִי חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן - דָאס אִיז זֵיי מְחַזֵּק; עֶס גֶעבְּט זֵיי כֹּחַ צוּ בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה.

דָא הָאסְטוּ אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה:

אַ שֵׁיינֶע חֲתוּנָה, לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק, דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם טַאנְצְט אַזוֹי לֶעבֶּעדִיג; אוֹיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז דָארְט, דִי מוּזִיק שְׁפִּילְט שֵׁיין, אֵיינֶער פַייפְט מִיט אַ פַייפֶער, אֵיינֶער שְׁפִּילְט אוֹיפְ׳ן פִידְל אוֹיךְ אִיז דָא אַ טְרָאמְפֵּייטֶער מִיט אַ פּוֹיקֶער. דֶער קָאנְדָאקְטֶער מַאכְט מִיט דִי הֶענְט אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ אַלֶע זָאלְן שְׁפִּילְן אִינְאֵיינֶעם, דֶער עוֹלָם אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, עֶס אִיז גָאר אַ לֶעבֶּעדִיגֶע חֲתוּנָה.

עֶפֶּעס אִינְטֶערֶעסַאנְט הָאט פַּאסִירְט, דֶער פּוֹיקֶער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר מִיד אוּן אִינְמִיטְן פּוֹיקְן אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁלָאפְן; אַלֶע קוּקְן וִוי דִי מוּזִיק שְׁפִּילְט אוּן וִוי דֶער פּוֹיקֶער שְׁלָאפְט, דֶער קָאנְדָאקְטֶער בַּאמֶערְקְט וִוי דֶער פּוֹיקֶער שְׁלָאפְט.

פְלוּצְלוּנְג: "פַּאטְשׁ!!!" "פַּאטְשׁ!!!" דֶער קָאנְדָאקְטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ פַּארְ'ן פוּיקֶער, דֶער פוּיקֶער הָאט זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ כַאפּ אוֹיף אוּן גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּרִיק צוּ פוּיקְן, עֶר קְלַאפְּט אוּן פוּיקְט כְּאִילוּ לֹא הָיָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֶעט דִי מַעֲשֶׂה אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: "אַ פַּאטְשׁ גֶעכַאפְּט אוּן פְרֵיילִיךְ גֶעקְלַאפְּט", דֶער רֶבִּי זָאגְט פַאר דִי תַּלְמִידִים: "פוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען זֶעט דַארְף מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען חִיזוּק פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּנֶעם פוּיקֶער אַז אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעכַאפְּט אַ קְלַאפּ - דַארְף מֶען נָאכְאַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ; אֲפִילוּ עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע טֶעג דַארְף מֶען וַוייטֶער פַּאטְשְׁן אוּן קְלַאפְּן, טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען".

קִינְדֶער לָאמִיר זִינְגֶען: "אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז זִיכֶער גוּט, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס שְׁלֶעכְט - וֵוייס אִיךְ אַז עֶר אִיז גֶערֶעכְט".

מַאךְ אַ בִּילְד וִוי אַזוֹי מֶען שְׁפִּילְט מוּזִיק; אַ פַּייפֶער, מִיט אַ פִּידְל, אַ טְרוּמְפֵּייטֶער, מִיט אַ פוּיקֶער, דֶער קָאנְדַאקְטֶער גֶעבְּט אַ פַּאטְשׁ אוּן מֶען טַאנְצְט אִין דֶער זַייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

חַזֶר'ט אֱמוּנָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאר גוּט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיר מְבַשֵּׂר זַיין דִי גוּטֶע נַייעֶס פוּן אַייעֶר זוּן הָאבְּרֵךְ ...., דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶר זָאל הָאבְּן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה שְׁנֶעל אוּן גִיךְ.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אֱמוּנָה וּבִטָחוֹן, חַזֶר'ט אֱמוּנָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאר גוּט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ

יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְרוֹיסֶע נִיסִים מִיט אִים, עֶס גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע דִינִים".

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן שִׁיקְן גֶעלְט פַאר הוֹצָאוֹת פוּן מַיין שְׁטוּב, אִין דֶעם זְכוּת זָאלְט אִיר הָאבְּן שֶׁפַע, בְּרָכָה וְהַצְלָחָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## דִי זְכוּת אִין קוֹיפְן דֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן בֵּית הַדְפוּס אִין לִיבֶּערְטִי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער חָבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען אַ חֵלֶק אִין קוֹיפְן דֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן בֵּית הַדְפוּס אִין לִיבֶּערְטִי, וואוּ מֶען דְרוּקְט טֶעגְלִיךְ הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִלְיוֹנוֹת צוּ מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן זֵיי מְקָרֵב זַיין לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם.

אִין דֶעם זְכוּת זָאלְסְטוּ זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אַ חֵלֶק אִינֶעם "אַבְנֵי הַיְסוֹד" צוּ קֶענֶען קוֹיפְן דֶעם בִּנְיָן בֵּית הַדְפוּס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶיךָ אַז דוּ הָאסְט אַ חֵלֶק אִינֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן בֵּית הַדְפוּס אִין שְׁטֶעטְל, דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען אַ חֵלֶק אִינֶעם "אַבְנֵי הַיְסוֹד" צוּ קֶענֶען קוֹיפְן דֶעם בִּנְיָן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ זִיךְ מִתְבּוֹנֵן גֶעוֶוען אַז

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג צוּ קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין דֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת - אִיז נָאר דוּרְךְ הַדְפָּסָה וְהַפָּצָה"; דָאס אִיז דִי וֶועג עֶס זָאל וַוייטֶער אִיבֶּערְגֵיין דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶועג לְדוֹרוֹת הַבָּאִים.

אִין דֶעם זְכוּת זָאלְסְטוּ גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן מִיט אַלֶעס גוּטְס.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### שְׁטַר הַלְוָאָה, הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער צוּ עֶנְדִיגְן אוּנְזֶער בִּנְיָן אִין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת רְאֵה, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, כ"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָא אוּן אִיךְ חַתְמ׳עֶ זִיךְ אוּנְטֶער אַז אִיךְ הָאבּ גֶעבָּארְגְט פוּן דִיר סַךְ פוּן הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן אוּנְזֶער בִּנְיָן אִין אוּמַאן.

זְמַן הַפֵּרָעוֹן אִיז אִין אַ יָאר אַרוּם, חוֹדֶשׁ אֱלוּל תשפ"ג לפ"ק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע בִּזְכוּת וָואס דוּ פַארְבָּארְגְסְט דַיין גֶעלְט צוּ קֶענֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

ועזבה"ח

...

### נָאר דוּרְךְ דְרוּקְן דִי סְפָרִים, וֶועט זִיךְ וַוייטֶער צִיעֶן דֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת ה׳תשפ"ב

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, דְזְשֶׁערְסִי סִיטִי**

ווּאוֹיל אִיז דִיר אוּן ווּאוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הֶעלְפְסְט דֶעם בֵּית הַדְפוּס

צוּ קֶענֶען דְרוּקְן אוּן פַאַרְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַסַאךְ מִתְבּוֹנֵן גֶעוֶועְן וָואס מֶען קֶען טוּן אַז עֶס זָאל זִיךְ וַוייטֶער צִיעֶן דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ, בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז נָאר דוּרְךְ דְרוּקְן דִי סְפָרִים אוּן דָאס פַאַרְשְׁפְּרֵייטְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בַּאגְלִיקְן מִיט אַלֶעס גוּטְס, אוּן דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער הָאבְּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן, מִיר זָאלְן הָאבְּן דִי זְכִיָ' צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין הַדְפָּסָה וְהַפָּצָה, זֶענֶען מְקָרֵב דִי גְאוּלָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת ה'תשפ"ב
לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן הֶעלְפְן קוֹיפְן דֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן פַאר'ן בֵּית הַדְפוּס וואוּ מֶען דְרוּקְט וֶועכְנְטְלִיךְ צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶנְטֶער סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִלְיוֹנוֹת. אוֹיךְ מַאכְט מֶען דָארְט דִי סִידִיס, יוּ עֶס בִּיס וְכוּ' וְכוּ'.

וֶוען מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל אַנְטְפְּלֶעקְן אַבִּיסְל פוּן דִי סוֹדוֹת פוּן מְגִלַּת סְתָרִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען, וָואס עֶס וֶועט זַיין בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט, אָבֶער עֶר הָאט אֵיין זַאךְ יָא מְגַלֶּה גֶעוֶוען, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען מֶען וֶועט זֶען ווִי דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי וֶועלְט - קֶען מֶען זִיךְ גְרֵייטְן אוֹיף מָשִׁיחַ".

דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין הַדְפָּסָה וְהַפָּצָה - זֶענֶען מְקָרֵב דִי גְאוּלָה; עֶס גֵייט נֶעבֶּעךְ אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מֶען רֶעדְט פוּן הֵיימִישֶׁע עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת, זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, צֶעבְּרָאכְן, מְיוּאָשׁ, אוּן נָאר דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן בְּרֶענְגְט זֵיי צוּרִיק דִי חַיוּת, עֶס בְּרֶענְגְט זֵיי צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## מוֹהֲרָא"שׁ וֶועט זִיךְ זִיכֶער מִיעֶן פַּאר אַלֶע וָואס הֶעלְפְן דִי הַדְפָּסָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת ה'תשפ"ב
**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

דִי קְלֵיינֶע מַתָּנָה וָואס אִיךְ שֶׁענְק דִיר אִיז פַאר'ן זַיין קְלוּג אוּן נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין אַוֶועק שְׁטֶעלְן אַ בִּנְיָן לְדוֹרוֹת וואוּ מִיר דְרוּקְן דִי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת צוּ מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דוּ מַאכְסְט אַ נַחַת רוּחַ פַאר'ן רֶבִּי'ן, פַּאר רֶבִּי נָתָן אוּן פַּאר מוֹהֲרָא"שׁ. אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעקוּמֶען אִינֶעם קְלֵיינֶעם בֵּית הַדְּפוּס אִין יְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג; דִי שְׁמֵייכְל, דִי הֲנָאָה, דִי נַחַת רוּחַ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאט פוּן דֶעם - לִיגְט מִיר נָאכְאַלְץ אִין דִי בֵּיינֶער.

יֶעצְט וֶוען דִי הַדְפָּסָה הָאט זִיךְ אַזוֹי פַארְבְּרֵייטֶערְט - הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זִיכֶער אַזַא נַחַת רוּחַ, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ זִיכֶער מִיעֶן פַּאר אַלֶע וָואס הֶעלְפְן אוּן הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דֶעם, וָואס דָאס אִיז מְקָרֵב דִי גְּאוּלָה שְׁלֵימָה, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, אָמֵן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אַז מֶען אִינְוֶועסְטִירְט אִין הֵיילִיגֶע זַאכְן, אִיז דָאס אַ זִיכֶערֶע פַארְדִינְסְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת ה'תשפ"ב
**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִין דֶעם זְכוּת פוּן הֶעלְפְן קוֹיפְן דֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן פַאר'ן בֵּית הַדְּפוּס אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, וואוּ מֶען דְרוּקְט טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן

גִלְיוֹנוֹת, וְעוֹד וְעוֹד, זָאלְסְטוּ הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער אוּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

מֶענְטְשְׁן אִינְוֶועסְטִירְן דָא אוּן דָארְט פַּאר אַ סְפֵק סְפֵיקָא צִי מֶען וֶועט מַרְוִיחַ זַיין, אוּן אֲפִילוּ מֶען אִיז מַרְוִיחַ - אִיז דָאס אַלֶעס פַּאר צַייטְוַויילִיג, אָבֶער אַז מֶען אִינְוֶועסְטִירְט אִין בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת הַתּוֹרָה, בּוֹיעֶן אַ בִּנְיָן צוּ דְרוּקְן סְפָרִים פוּן אֱמוּנָה, סְפָרִים וָואס בְּרֶענְגֶען צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז אַ וַדְאַי רֶיוַח בְּזֶה וּבַבָּא.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### הִתְקַרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן זָאל נִישְׁט אָוֶועקְנֶעמֶען דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע גוּטֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת ה'תשפ"ב

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּלַייבּ אִין כּוֹלֵל, לָאז נִישְׁט אָפּ דַיינֶע שִׁיעוּרִים מִיט דַיינֶע חַבְרוּתוֹת; וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן אִיז דָאס נִישְׁט אוֹיף אָפְּלָאזְן דִי גוּטֶע זַאכְן פוּן פְרִיעֶר, נָאר אוֹיף צוּגֶעבְּן גוּטֶע זַאכְן.

עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל צַייטְן וֶוען צוּ לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל שְׁטֶערְט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ; לֵייג זִיךְ פְּרִי שְׁלָאפְן אוּן שְׁטֵיי אוֹיף פַארְטָאגְס אוּן מַאךְ זִיךְ אַ סֵדֶר צוּ לֶערְנֶען מִקְרָא, מִשְׁנָה, בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, תּוֹסֶפְתָּא, רַמְבַּ"ם, טוּר, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מֶדְרָשׁ רַבָּה, מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אוּן תִּיקוּנִים, לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת; אַבִּיסְל פוּן יֶעדֶע זַאךְ, אוּן בְּלַייבּ אִין כּוֹלֵל לֶערְנֶען מִיט דַיינֶע חַבְרוּתוֹת.

זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ, זָאג אִיר: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן, מִיר וֶועלְן הָאבְּן קִינְדֶער"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן טָאג נָאךְ טָאג, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ

צְוֵויי מָאל פַארְדִינֶען, אֵיינְס דַיין וַוייבּ וֶועט זַיין מְחוּזָק, וֶועט זִי דִיר הֶעלְפְן וְכוּ', אוּן דוּ וֶועסְט וֶוערְן מְחוּזָק, עֶס וֶועט וֶוערְן אַן אוֹר חוֹזֵר, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קפד), וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ אַ צְוֵוייטְן דִבּוּרֵי הִתְחַזְקוּת – וֶוערְט אַן אוֹר יָשָׁר אוּן אַן אוֹר חוֹזֵר; דָאס הֵייסְט אַז אֲפִילוּ עֶס גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין יֶענֶעמְ'ס אוֹיעֶר, דָאךְ וֶוערְט אַן אוֹר חוֹזֵר אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס וֶוערְט שְׁטַארְק מְחוּזָק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

מִיטְ'ן הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים אִיז מֶען מַצִּיל דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת ה'תשפ"ב

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער אוּן דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן – אִין דִי זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט גֶעהָאלְפְן קוֹיפְן דֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן פַארְ'ן "בֵּית הַדְפוּס" צוּ דְרוּקְן דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין לז.): "כָּל הַמַּצִּיל נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל, כְּאִילוּ קִיֵּם עוֹלָם מָלֵא", אִיז דָאךְ זִיכֶער, אַז "הַמַּצִּיל כָּל הָעוֹלָם כּוּלוֹ" – אִיז דָאךְ נִישְׁטָא קַיין וֶוערְטֶער אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען זַיינֶע זְכוּתִים; מִיטְ'ן הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים אִיז מֶען מַצִּיל דִי וֶועלְט, מֶען בְּרֶענְגְט דִי גְּאוּלָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**דִּי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת וֶועלְן אַרָאפְּוֶועגְן דֶעם וָואגְשָׁאל לְטוֹבָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת ה׳תשפ״ב

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

דִּי מַתָּנָה אִיז פַאר׳ן הֶעלְפְן קוֹיפְן דֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן פַאר׳ן בֵּית הַדְפוּס אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, וואוּ מֶען דְרוּקְט שׁוֹין וֶועכְנְטְלִיךְ טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת, וְעוֹד וְעוֹד - לְחַזֵּק עַם יִשְׂרָאֵל.

דָאס אַז דוּ הָאסְט אַ גֶעפִּיל פַאר הַדְפָּסָה וְהַפָּצָה - אִיז מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב, אִיךְ קֶוֶועל פוּן נַחַת וֶוען אִיךְ הֶער אַז דִּי תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִּיל צוּם רֶבִּי׳ן, צוּ דְרוּקְן דִּי סְפָרִים אוּן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן אִין דִי וֶועלְט.

דָאס וֶועט דִיר צוּנִיץ קוּמֶען בַּיים יוֹם הַדִּין, וֶוען מֶען מִשְׁפָּט דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס זַיין יָאר וֶועט זַיין מִיט אִים אוּן זַיינֶע קִינְדֶער; אַלֶע סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת וֶועט מֶען אַפִּיר נֶעמֶען אוּן עֶס וֶועט אַרָאפְּוֶועגְן דֶעם וָואגְשָׁאל לְטוֹבָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**מִיטְ׳ן גֶעבְּן פַאר צְדָקָה פַאר הַדְפָּסָה, אִיז דָאס אַזוֹי וִוי הֲפָצָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת ה׳תשפ״ב

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ זֶען דַיין נָאמֶען צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן אַ גֶעפִּיל צוּ הֶעלְפְן הַדְפָּסָה וְהַפָּצָה; דוּ הָאסְט גֶעגֶעבְּן צְדָקָה צוּ קֶענֶען קוֹיפְן דֶעם בִּנְיָן פַאר׳ן ״בֵּית הַדְפוּס״ וואוּ מֶען דְרוּקְט וֶועכְנְטְלִיךְ טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת - צוּ מְחַיֵּ׳ זַיין אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט דַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאבְּן וַוייטֶער אַ גֶעפִּיל צוּ הֶעלְפְן הַדְפָּסָה; דוּ אוּן דַיינֶע דוֹרוֹת זָאלְן זַיין מְקוּשָׁר צוּם רֶבִּי׳ן, מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן.

מִיטְ'ן גֶעבְּן פַאר צְדָקָה פַאר הַדְפָּסָה - אִיז דָאס אַזוֹי וִוי הֲפָצָה.

וֶוען דוּ וֶועסְט אַרוֹיפְגֵיין צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה - זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן דֶעם רֶבִּי'ן אַז דוּ הָאסְט גֶעגֶעבְּן צְדָקָה פַאר הַדְפָּסָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### אַ מַתָּנָה פַארְ'ן אַנְטֵייל נֶעמֶען אִינֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן פַארְ'ן בֵּית הַדְפוּס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ מַתָּנָה דֶעם סֵפֶר לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן פַאר אַן אוֹת אַז דוּ הָאסְט אַנְטֵייל גֶענוּמֶען אִינֶעם קוֹיפְן דֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן פַארְ'ן בֵּית הַדְפוּס אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, וואוּ מִיר דְרוּקְן וֶועכְנְטְלִיךְ טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִלְיוֹנוֹת.

אוֹיךְ גֶעפוּנֶען זִיךְ דָארְט דִי אָפִיסֶעס פַאר אַלֶע אַקְטִיוִויטֶעטְן פוּן הַדְפָּסָה וְהַפָּצָה אָן-לַיין, וִוי צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער וֶוערְן מְחוּזָק מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### לָאז נִישְׁט אָפּ דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה פַארְ'ן בֵּית הַדְפוּס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן אַרְבֶּעטְן צַאמְצוּנֶעמֶען צְדָקָה פַארְ'ן בֵּית הַדְפוּס, מֶען זָאל קֶענֶען דְרוּקְן אָן אוֹיפְהֶער דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִלְיוֹנוֹת, מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ אִיז גֶעוֶוען הַדְפָּסָה וְהַפָּצָה דָאס שְׁוַוארְץ אַפֶּעל פוּן אוֹיג. מוֹהֲרָא״שׁ הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן צוּ דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט נַחַת אוֹיבְן אִין הִימְל צוּ זֶען ווִי מִיר הַאלְטְן אָן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, זַיין הֵיילִיגֶע הַנְהָגָה; מִיר דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים אָן אָפְּשְׁטֶעל.

שְׁטַארְק זִיךְ בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז, לָאז נִישְׁט אָפּ דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה פַארְ׳ן בֵּית הַדְּפוּס דַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן אַנְטֵייל נֶעמֶען אִינֶעם קוֹיפְן דֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### אַשְׁרֶיךָ שֶׁזָּכִיתָ צוּ הֶעלְפְן קוֹיפְן דֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן פַארְ׳ן בֵּית הַדְּפוּס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, סְטֶעטְן אֵיילֶענְד

אַשְׁרֶיךָ שֶׁזָּכִיתָ צוּ נֶעמֶען אַנְטֵייל אִינֶעם קוֹיפְן דֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן פַארְ׳ן בֵּית הַדְּפוּס אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, צוּ דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, גִּלְיוֹנוֹת; הִתְחַזְּקוּת אוּן שֵׂכֶל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן ווִי מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

מִיטְ׳ן נֶעמֶען אַנְטֵייל אִין ״אַבְנֵי הַיְסוֹד״ הָאסְטוּ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ גוּטֶע אִינְוֶועסְטְמֶענְט פַאר דִי וֶועלְט אוּן פַאר יֶענֶע וֶועלְט, אוּן גוּטֶע זְכוּתִים פַארְ׳ן יוֹם הַדִּין.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## וֶוער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דָאקְטוֹרִים, דַאנְק אוּן בֶּעט וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן וָואס דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן פָאַרְאוֹיס, אַז עֶס פֶּעלְט אַ שְׁטִיק מֹחַ פוּנֶעם קִינְד, זַיי דֶערְשְׁרֶעקְן דִיר אַז דָאס קִינְד וֶועט זַיין גֶעלֶעמְט חַס וְשָׁלוֹם; זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ אוּן זִי זָאל דִיךְ צוּרִיק מְחַזֵק זַיין, נֶעם דִי סְגוּלָה פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים דַאנְקֶען פַאר אַלֶע חֲסָדִים.

ווִי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - עֶפֶענֶען זִיךְ אוֹיף רִיזִיגֶע טוֹיעֶרְן אִין הִימְל אוּן עֶס גִיסְט אַרָאפּ נִיסִים וְנִפְלָאוֹת; בָּדוּק וּמְנוּסֶּה, מֶענְטְשְׁן דֶערְצֵיילְן אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים, זַאכְן שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע פוּן דִי סְגוּלָה פוּן תּוֹדָה וְהוֹדָאָה.

דָאס וָואס דוּ זָאגְסְט אַז דַיין וַוייבּ וֵויינְט וְכוּ'; מֶען מֶעג וֵויינֶען, מֶען דַארְף וֵויינֶען; עֶס אִיז נִישְׁט נִישְׁט קַיין חִסָּרוֹן אִין אֱמוּנָה וּבִטָּחוֹן אַז מֶען וֵויינְט, מֶען דַארְף אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זַיין פְרֵיילִיךְ, מֶען דַארְף וֵויינֶען מִיט שִׂמְחָה אוּן תִּקְוָה, נָאר נִישְׁט זַיין בְּעַצְבוּת וּבְמָרָה שְׁחוֹרָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט, אָבֶּער עֶס אִיז גֶעוֶוען מִיט שִׂמְחָה, מִיט הָאפֶענוּנְג. אַז מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - זֶענֶען דִי טְרֶערְן זִיסֶע טְרֶערְן, נִישְׁט זַאלְצִיג אוּן בִּיטֶער.

וֶוער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דָאקְטוֹרִים, דֶער רֶבִּי זָאגְט שׁוֹין מִיט אִיבֶּער צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק וֶוער אוּן וָואס דָאקְטוֹרִים זֶענֶען, זֵיי אַרְבֶּעטְן הַאנְט בַּיי הַאנְט מִיטְ'ן מַלְאַךְ הַמָּוֶת.

מוֹהֲרַאָ"שׁ זָאגְט בְּשֵׁם צַדִיקִים, דִי תּוֹרָה זָאגְט (שְׁמוֹת כא, יט): "וְרַפֹּא יְרַפֵּא", זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת ס.): "מִכַּאן שֶׁנִּתְּנָה רְשׁוּת לְרוֹפֵא לְרַפְּאוֹת", אַז מֶען הָאט גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת פַאר דָאקְטוֹרִים נָאר צוּ הֵיילְן, נִישְׁט צוּ דֶערְשְׁרֶעקְן.

אַז דוּ אוּן דַיין וַוייבּ וֶועלְן יֶעדְן טָאג דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר

אַלֶעס גוּטְס, אוּן אוֹיךְ בֶּעטְן פַאר'ן קִינְד זָאל גֶעבוֹירְן וֶוערְן גֶעזוּנְט בְּרְמַ"ח אֵיבָרִים וְשְׁסָ"ה גִּידִים, אוּן זָאגְן שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן גְרוֹיסֶע נִיסִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אִין אַפָּאר יָאר אַרוּם וֶועלְן זַיין נָאךְ דַיָּנִים, תַּלְמִידִים פוּן אוּנְזֶער כּוֹלֵל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' דְראֹש חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זִיצְן מִיט דִיר הַיינְט בַּיי אַ סְעוּדַת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מִיט נָאךְ אַפָּאר חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ הֶעלְפְן דִי כּוֹלֵל.

מִן הַסְתָּם הָאסְטוּ אַבִּיסְל גֶעזֶען מִיט דַיינֶע אוֹיגְן בְּמֶשֶׁךְ דִי זוּמֶער וָואכְן דִי הַתְמָדָה פוּן דִי אִינְגֶעלַייט, זֵיי לֶערְנֶען זֵייעֶר פְלַייסִיג; זֵיי לֶערְנֶען, זֵיי מוּטְשֶׁען זִיךְ בִּיז זֵיי קוּמֶען אַרוֹיס קְלָאר אִין דִי הֲלָכָה.

יֶעצְט אִיז פִּינְקְט אַ יָאר פוּן דִי הַכְתָּרָה פוּנֶעם דַיָּין שְׁלִיטָ"א, אוּן בְּעֵזֶר הַשֵּׁם אִין אַפָּאר יָאר אַרוּם וֶועט זַיין נָאךְ אַן הַכְתָּרָה פַאר נָאךְ דַיָּנִים, אִינְגֶעלַייט תַּלְמִידִים פוּן אוּנְזֶער כּוֹלֵל. שְׁרַייבּ אַרָאפּ דֶעם דַאטוּם, תשפ"ח, וֶועט זַיין שֵׁיינֶע זַאכְן אִין דִי קְהִילָה, מִיר וֶועלְן אוֹיפְנֶעמֶען נָאךְ דַיָּנִים.

ווארויל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט אַ חֵלֶק אִין הֶעלְפְן דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן קֶענֶען בַּאקוּמֶען זֵייעֶר גֶעהַאלְט צַייטְלִיךְ.

אִיךְ הָאף אַז דוּ הָאסְט אוֹיךְ הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי סְעוּדַת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אִיךְ ווִיל נִישְׁט בְּשׁוּם אֵין אוֹפֶן נֶעמֶען גֶעלְט פוּן טֵייטְל-1 פַאר דִי מוֹסְדוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

עֶרְשְׁטְנְס אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר׳ן אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן מִיר דִי גְרוֹיסֶע יָאךְ פוּן דִי מוֹסְדוֹת, דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר זֵייעֶר גֶעטְרֵיי אַז דִי מוֹסָד זָאל זִיךְ פִירְן גוּט, אוּן מֶען זָאל צָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִין צַייט.

בְּנוֹגֵעַ נֶעמֶען פוּן דִי שְׁטָאט גֶעלְט פַאר טֵייטְל-1 ; אִיךְ ווִיל בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט נֶעמֶען גֶעלְט פוּן טֵייטְל-1, אִיךְ ווִיל נִישְׁט דִי שְׁטָאט זָאל זִיךְ מִישְׁן אִין אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע חִינוּךְ. טֵייטְל-3 קֶענְסְטוּ נֶעמֶען, אָבֶער טֵייטְל-1 ווִיל אִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען. מַיין זֵיידֶע קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶע׳פַּסְקֶ׳נְט אַז דָאס אִיז אָסוּר, אוּן אוֹיךְ מַיין עֶלְטֶער פֶעטֶער, מָאנְטִיוִוידֶעָא רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶע׳פַּסְקֶ׳נְט אַז דָאס אִיז אָסוּר צוּ נֶעמֶען.

אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת ווִיל אִיךְ עֶס זָאל זַיין אוֹיסְדְרוּקְלִיךְ עַל טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ ; נִישְׁט נָאר גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף זֵיי צֶעטְלֶעךְ : "מוֹסְדוֹת עַל טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ". אוֹיךְ בַּיי אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ווִיל אִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען קַיין אֵיין פְּרוּטָה פוּן דִי רְשָׁעִים, פוּן דִי עֵרֶב רַב.

זָארְג נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְּן מִיר וֶועלְן קֶענֶען צָאלְן וַוייטֶער דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע. מוֹהֲרַא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מִיר שְׁטֶענְדִיג גֶעמוּטִיגְט - וֶוען אִיךְ פְלֶעג קוּמֶען פְרֶעגְן וָואס וֶועט דָא זַיין? מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֵיין פְּרוּטָה - מִיט דִי וֶוערְטֶער: "בַּאלְד וֶועט זַיין גְרוֹיס שֶׁפַע".

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## ווי קֶענְסְטוּ שְׁרַייבְּן מִיט חוּצְפָּה אַז צוּם גְדַלְיָ׳ וֶועט מֶען עֶסְן פְרִישְׁטָאג?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ הֶעלְפְסְט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דוּ הֶעלְפְסְט מִיט דִי וֶועבְּסַייט, דוּ שְׁרַייבְּסְט דִי נַייעֶס.

אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בִּין אִיךְ זֵייעֶר דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן צוּ לֵיינֶען דִי נַייעֶס אַז צוּם גְדַלְיָ׳ וֶועט זַיין צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ נַארְהַאפְטִיגֶע פְרִישְׁטָאג אוּן אוֹיפְ׳ן בַּאן וֶועט זַיין צוּגֶעשְׁטֶעלְט עֶסְן; דָאס אִיז אַ חוּצְפָּה אוּן אַ פְּרִיקַת עוֹל.

אַלֶע יָארְן פָארְן מִיר צוּרִיק קַיין אַמֶערִיקֶע אוּם צוּם גְדַלְיָ׳, קוּמְט אוֹיס אַז מֶען דַארְף פַּאסְטְן מֶער ווִי אַ טָאג, זֶענֶען דָא פּוֹסְקִים וָואס זָאגְן אַז מֶען קֶען שׁוֹין אוֹיסְפַּאסְטְן וֶוען עֶס וֶוערְט נַאכְט אִין אוּמַאן (הָרַב וָואזְנֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה), אָבֶער אִין אַ פַאל ווִי הַיי יָאר, וָואס מֶען פָארְט צוּרִיק אַ טָאג נָאךְ צוּם גְדַלְיָ׳ - אִיז דָאס אַ גֶעהֶערִיגֶע פַּאסְט טָאג; אִיז ווִי קֶענְסְטוּ שְׁרַייבְּן מִיט חוּצְפָּה אַז צוּם גְדַלְיָ׳ וֶועט מֶען עֶסְן אַ נַארְהַאפְטִיגֶע פְרִישְׁטָאג?!

אוֹיבּ אַזַא זַאךְ שְׁטֵייט אוֹיף אוּנְזֶער וֶועבְּסַייט פַארְמַאךְ אִיךְ הַיינְט דֶעם וֶועבְּסַייט. אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ לֵיינֶען אַלֶעס וָואס דִי שְׁרַייבֶּערְס אִין דִי קְהִילָה שְׁרַייבְּן, דִי נַייעֶס הָאבּ אִיךְ גֶעלֵיינְט אוּן אַזוֹינְס טָאר מֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן; זֶע שׁוֹין צוּ פַארְרֶעכְטְן דִי נַייעֶס אוּן גֶעבּ אַכְטוּנְג אַזוֹינְס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן נָאכְאַמָאל.

...

## עֶס אִיז אַזוֹי ווִיכְטִיג אוֹיסְצוּהֶערְן דִי וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, ווִילְיַאמְסְבּוּרְג

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאסְט מִיר אַזוֹי מְחַיֶ׳ גֶעוֶוען מִיט דַיין בְּרִיוו אַז דוּ הָאסְט זִיךְ נָאכְאַמָאל

מְקַבֵּל גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ גֵיין בַּיינַאכְט צוּ פַּארְטִיס וואוּ מֶען הוּלְיֶעט אוּן טְרִינְקְט; עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּסְטוּ אִין שְׁטוּב מִיט דַיין אֵשֶׁת חַיִל.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר; מִיר פָארְן דָאךְ שׁוֹין כִּמְעַט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' אִיז דִיר גֶעטְרֵיי, זִי לָאזְט דִיר פָארְן, זִי שִׁיקְט דִיךְ קַיין אוּמַאן מִיט שִׂמְחָה, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אִיר זַיין אַ כְּפוּי טוֹבָה? זִי ווִיל זַיין מִיט דִיר, זִי ווִיל דוּ זָאלְסְט אַהֵיים קוּמֶען רֶעדְן מִיט אִיר, שְׁמוּעֶסְן מִיט אִיר אוּן בְּעִיקָר אִיר אוֹיסְהֶערְן; לָאז אָפּ דִי שִׁכּוֹרִים, דִי לֵיידִיגֶע מֶענְטְשְׁן, גֵיי נִישְׁט צוּ קַיין פַּארְטִיס, אֲפִילוּ מֶען פַארְרוּפְט עֶס מִיטְ'ן נָאמֶען "סִיּוּם", עֶנְדֶערְשׁ גֵיי אַהֵיים אוּן פַּארְטִי מִיט דַיין וַוייבּ; פַארְבְּרֶענְג מִיט אִיר, הֶער אִיר אוֹיס, הֶער אוֹיס אִירֶע מַעֲשֶׂה'לֶעךְ, עֶס אִיז אַזוֹי ווִיכְטִיג אוֹיסְצוּהֶערְן אַ וַוייבּ, דָאס מַאכְט אִיר גוּט אוֹיפְ'ן הַארְץ.

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף גֵיי אִיךְ קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ זוּנְטָאג צוּרִיק אִין שְׁטָאט פַאר צְוֵויי שַׁבָּתִים - כִּי תֵצֵא אוּן כִּי תָבוֹא, אוּן דִינְסְטָאג נִצָּבִים פָארְן מִיר קַיין אוּמַאן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**מַאךְ מִיר פָּשׁוּטְ'ע זִיצְן אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער, נֶעבְּן מַיינֶע קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי

קוֹדֶם כָּל, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיר מַאכְן טִיקֶעטְס צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַ בַּאזוּנְדֶערֶע יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיר אוֹיסְבָּארְגְן; אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל דִיר שׁוֹין קֶענֶען בַּאצָאלְן.

אִיךְ קֶען נִישְׁט פָארְן אִין בִּיזְנֶעס קְלַאס פַאר צְוֵויי סִיבּוֹת, אֵיינְס, בֶּעגֶערְ"ס קֶענְ"ט בִּ"י טְשׁוּזְ"י, אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעמְ'ס חֶשְׁבּוֹן נֶעמֶען דִי טַייעֶרֶע, אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וֶועט וֶועלְן צָאלְן פַאר דֶעם - קֶען אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט; אִיךְ דַארְף זִיצְן נֶעבְּן מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ ווִיל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵייעֶר

יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי זָאלְן נִישְׁט קוּקְן קַיין מָאוִויס; אֵיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק - קֶען זֵיי אָפּ׳הַרְגֶ׳עֶנֶען זֵייעֶר לֶעבְּן.

מַאךְ מִיר פָּשׁוּט׳עֶ זִיצְן נֶעבְּן מַיינֶע קִינְדֶער, מַיינֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ אוֹיךְ קִינְדֶער; אִיךְ ווִיל אוֹיף זֵיי אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אוֹיף זֵייעֶר יִרְאַת שָׁמַיִם.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת אִין יְרוּשָׁלַיִם עַל טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר דַארְפְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ נֶעמֶען צוּ דִי עֲבוֹדָה, צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת אִין יְרוּשָׁלַיִם עַל טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ.

הַיינְט הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט דִי סְקוּל ״בֵּית פֵּיגָא״ אִין יְרוּשָׁלַיִם, דַארְפְן מִיר צָאלְן סַיי מְלַמְּדִים אוּן סַיי טִיטְשֶׁערְס; בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה מֶען זָאל קֶענֶען צָאלְן צַייטְלִיךְ דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע.

אִיךְ וֵוייס אַז דוּ מַאכְסְט חֲתוּנָה אִין צְוֵויי וָואכְן אַרוּם, דוּ בִּיסְט טָרוּד מִיט דַיין שִׂמְחָה, אָבֶּער גֶעבּ אַ טְרַאכְט ווִיפִיל וָואלְט דִיר גֶעקָאסְט חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דַיין קִינְד אָן מוֹהֲרָא״שׁ אוּן ווִיפִיל קָאסְט דָאס דִיר יֶעצְט...? דִי גַאנְצֶע שִׂמְחָה, הַכֹּל בַּכֹּל מִכֹּל כֹּל - קָאסְט דִיר נִישְׁט קַיין צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער; הָאסְטוּ דָאךְ כֹּחַ אוּן צַייט צוּ הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס מוֹסְדוֹת.

מִיר נֶעמֶען נִישְׁט קַיין גֶעלְט פוּן דִי עֵרֶב רַב, מִיר הָאבְן נִישְׁט קַיין שְׁטִיצֶע פוּן קֵיינֶעם; אוּנְזֶער גַאנְצֶע הַכְּנָסָה אִיז פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְן אַ גֶעפִיל אִין בּוֹיעֶן נָאךְ מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אַרוּם אוּן אַרוּם דִי וֶועלְט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**דוּ לֵייגְסְט אַרַיין דַיין גַאנְצֶע הַארְץ, כֹּחַ אוּן מֹחַ, אִין דִי קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הֶער צוּרִיק זֵייעֶר גוּטֶע גְרוּסְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן פוּנֶעם מְנַהֵל, אַז דוּ לֵייגְסְט אַרַיין דַיין גַאנְצֶע הַארְץ, כֹּחַ אוּן מֹחַ - אִין דִי קִינְדֶער. דוּ לֶערְנְסְט מִיט זֵיי אֱמוּנָה, קְדוּשָּׁה; אַלֶעס מִיט אַ שִׂמְחָה, מִיט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן מִיט אַ זִיסְקֵייט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ג, יז): "דְּרָכֶיהָ דַרְכֵי נֹעַם".

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט. דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ יָאר מִיט אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, דוּ הָאסְט מִיט וָואס צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דוּ הָאסְט וָואס צוּ דֶערְצֵיילְן דֶעם רֶבִּי'ן, וִוי דוּ הָאסְט אַ גַאנְצֶע יָאר פַארְבְּרֶענְגְט פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן. דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי אֱמוּנָה, הָאסְט אַרַיינְגֶעוָוארְצְלְט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין דִי קִינְדֶער. עֶלְטֶערְן דֶערְצֵיילְן מִיר אַז דִי קִינְדֶער - בִּשְׁעַת זֵיי שְׁפִּילְן, זֵיי זֶענֶען פַארְטִיפְט מִיט דִי שְׁפִּילְצֵייג - רֶעדְן זֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֵיי בֶּעטְן, זֵיי שְׁמוּעֶסְן, זֵיי דַאנְקֶען אִים.

הָאסְט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי קִינְדֶער קְדוּשָּׁה; אִיךְ וֵוייס מַעֲשִׂיּוֹת בַּיי דִיר אִין כִּתָּה וָואס דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן מִיר דֶערְצֵיילְט וִוי דוּ הָאסְט זֵיי פָּשׁוּט אָפְּגֶערַאטֶעוֶועט דִי קִינְדֶער פוּן מְנִיוָולִים, מַשְׁחִיתִים; דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען אוּמְווִיסְנְד, אַזוֹי וִוי אַלֶע קִינְדֶער; אוּן דוּ רֶעדְסְט מִיט זֵיי אַז מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין מִיט אַ פְרֶעמְדֶער מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען טָאר נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט וְכוּ' - זֶענֶען זֵיי נִיצוֹל גֶעוָוארְן.

וִויפִיל אִיךְ דֶערְצֵייל דִיר - וֶועסְטוּ נִישְׁט גְלֵייבְּן וָואס טוּט זִיךְ אִין דִי וֶועלְט, וִוי קִינְדֶער פַאלְן קָרְבָּנוֹת - אֲפִילוּ פוּן אֵייגֶענֶע מִשְׁפָּחָה; מֶען שִׁיקְט אַ קִינְד צוּם פֶעטֶער, צוּם שְׁוָואגֶער, אֲפִילוּ צוּם זֵיידְן - אוּן מֶען שֶׁעכְט אִים, מֶען אִיז אִים מְטַמֵּא; דֶער קִינְד הָאט מוֹרָא צוּ דֶערְצֵיילְן, אַזוֹי בְּלַייבְּט עֶס בְּסוֹד, בִּיז מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט לֶעבְּן; לוֹיפְט מֶען צוּם מְטַפֵּל, אוּן דָארְט דֶערְצֵיילְט מֶען וִויפִיל יָאר מֶען לַיידְט.

דוּ הָאסְט אַזוֹיפִיל זְכוּתִים מִיט וָואס צוּ קוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

שְׁטַארְק זִיךְ טַייעֶרֶער ... ; רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער אַסַאךְ פוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

אִיךְ וַוארְט שׁוֹין דִיךְ צוּ זֶען אִין אוּמַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מֶען נֶעמְט אַוֶועק מַיין עֶסְן אוּן שְׁלָאפְן, אָבֶּער אִיךְ פָאר צוּם רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ קוּמֶען אוֹיף אוּמַאן ! וָואס אִיז דַיין פְּרַאגֶע ? דוּ דַארְפְסְט דָאךְ פַארֶערְכְטְן וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען ! אֱמֶת, דוּ הָאסְט אַ טַעֲנָה אַז דֶער רוֹצֵחַ, דֶער מְנִיוָול, דַיין שְׁוָואגֶער - הָאט דִיךְ אַפָּאר יָאר מְאַנֵס גֶעוֶוען אָן דֶעם וָואס דוּ זָאלְסְט וִויסְן אַז דָאס אִיז פוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, בִּזְמַן שֶׁבֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָיָ' קַיֵּים הָאט מֶען גֶעגֶעבְּן אוֹיף דִי עֲבֵירָה סְקִילָה, אֵיינֶע פוּן דִי ד' מִיתוֹת בֵּית דִין ; בִּיז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים - הָאסְטוּ זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז דוּ בִּיסְט אַ צֶעשְׁנִיטֶענֶער קָרְבָּן, אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעהֵייסְן דֶערְצֵיילְן פַאר דַיין טַאטֶע אַז מֶען זָאל אַרוֹיסְוַוארְפְן דֶעם רוֹצֵחַ פוּן שְׁטוּבּ - הָאט מֶען דִיר גֶעלַאכְט אִין פָּנִים, מֶען הָאט דִיר נִישְׁט גֶעוָואלְט רַאטֶעוֶוען, בִּיז אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעהֵייסְן גֵיין צוּ דִי פָּאלִיצֵיי.

אֱמֶת, דוּ הָאסְט אַ טַעֲנָה צוּם בַּאשֶׁעפֶער, קֵיינֶער הָאט דִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז אַן עֲבֵירָה וְכוּ' וְכוּ' - אָבֶּער אַ תִּיקוּן דַארְפְסְטוּ הָאבְּן, דוּ דַארְפְסְט דֶעם רֶבִּי'ן.

דוּ אַלֵיינְס שְׁרֵייסְט אַז דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז נִישְׁט אַוֶועק פוּן דִיר, עֶס אִיז דִיר אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית, דוּ הַאלְטְסְט אִין אֵיין

אַרָאפְּפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה; אַוַדַאי זָאלְסְטוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן! אוּן אַז מֶען סְטְרַאשֶׁעט דִיר אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט הָאבְּן וואוּ צוּ שְׁלָאפְן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם, וֶוער דַארְף שְׁלָאפְן? וֶוער דַארְף עֶסְן? דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תד) מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן עֶר וֶועט מְתַקֵּן זַיין; "יָא עֶסְן נִישְׁט עֶסְן, יָא שְׁלָאפְן נִישְׁט שְׁלָאפְן - אַבִּי זַיין בַּיי מִיר"; דָאס מֵיינְט מֶען אֲפִילוּ מֶען סְטְרַאשֶׁעט מֶען וֶועט נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן אִין שְׁטוּבּ, נִישְׁט עֶסְן אוּן נִישְׁט שְׁלָאפְן - דָאךְ פָּאר אִיךְ צוּם רֶבִּי'ן.

וֶוער הָאט אַזוֹינְס צוּגֶעזָאגְט? טְרֶעף מִיר נָאךְ אַ צַדִּיק וָואס זָאגְט: "קוּם צוּ מַיין צִיּוּן אוּן אִיךְ וֶועל דִיךְ פַארְרֶעכְטְן", טְרֶעף אַ צַדִּיק וָואס קֶען דֶערְהֵייבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נֶעבֶּעךְ פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית, דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה): "אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט פּוֹגֵם בִּבְרִית, קוּם צוּ מַיין צִיּוּן, זָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים [טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], אוּן גֶעבּ אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה, זָאג אִיךְ צוּ אִיךְ וֶועל דִיר אַ טוֹבָה טוּן, אִיךְ וֶועל דִיר מְתַקֵּן זַיין, אִיךְ וֶועל דִיךְ אַרוֹיסְצִיעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית"; אַוַדַאי זָאלְסְטוּ קוּמֶען!

אִיךְ הֶער טָאג אוּן נַאכְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן בָּחוּרִים וִוי זֵיי פַּאלְן קָרְבָּנוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אָבֶּער דַיין מַעֲשֶׂה אִיז מִיר אַזַא וואוּנְדֶער, וִוי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ?! אַ קִינְד קוּמְט דֶערְצֵיילְן: "אֵיינֶער בַּאצְוִוינְגְט מִיר פַאר אַפָּאר יָאר טָאג נָאךְ טָאג" - אוּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְנֶעמֶען פַארְ'ן קִינְד? וִוי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ?! דִי מַעֲשֶׂה הָאסְטוּ מִיר דֶערְצֵיילְט פַארְיָאר אוּן עֶס גֵייט מִיר נָאכְאַלְץ נִישְׁט אַרַיין אִין קָאפּ, וִוי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ? וִוי קֶען זַיין אַז נָאכְדֶעם וָואס דוּ בִּיסְט גֶעלָאפְן צוּ דִי פָּאלִיצֵיי אוּן מֶען הָאט יֶענֶעם אַיינְגֶעשְׁפַּארְט זָאל מֶען נִישְׁט וֶועלְן רֶעדְן מִיט דִיר, שׁוֹמּוּ שָׁמַיִם, אַ קִינְד וֵויינְט: "מֶען בַּאצְוִוינְגְט מִיךְ! אַ רוֹצֵחַ נִיצְט מִיךְ אוֹיס!" אוּן אַז מֶען גֵייט צוּ דִי פָּאלִיצֵיי וַוארְפְט מֶען אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ?!

לְמַעֲשֶׂה הָאסְטוּ גֶעזֶען אַז מֶען הָאט דִיר אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פַאר אַפָּאר טֶעג אוּן נָאכְדֶעם הָאט מֶען דִיר צוּרִיקְגֶענוּמֶען, אַלֶעס הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט גוּט, בִּיסְט צוּרִיק אִין שְׁטוּבּ אוּן דֶער מְנַיְוָול הָאט מֶער נִישְׁט מִיט דִיר, אַזוֹי וֶועט

יֶעצְט אוֹיךְ זַיין, וֶועסְט קוּמֶען קַיין אוּמַאן, מֶען וֶועט דִיר אַרוֹיסְוַוארְפְן פַאר צְוֵויי טֶעג און אַלֶעס וֶועט קוּמֶען לְשָׁלוֹם.

דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם קֶען נָאר דֶערְשְׁרֶעקְן, עֶר קֶען מַחְלִישׁ דַעַת זַיין און מְבַלְבֵּל זַיין, מֶער פוּן דֶעם קֶען עֶר נִישְׁט טוּן. טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, דֶערְצֵייל נִישְׁט קֵיינֶעם וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער, דֶערְצֵייל עֶס נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אִין אוּמַאן בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן זָאלְסְטוּ אַלֶעס דֶערְצֵיילְן - וֶועט דִיר דֶער רֶבִּי מְתַקֵּן זַיין אִינְגַאנְצְן, וֶועסְט וֶוערְן אַ נַיי גֶעבּוֹירֶענֶער מֶענְטְשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### מִיר דַארְפְן רַחֲמֵי שָׁמַיִם אַז מִיר און אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת זָאלְן בְּלַייבְּן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ה' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּק נִישְׁט קַיין מָאוִוי"ס, קְלִיפְּ"ס, סְטֶעטוּ"ס - וְכַדוֹמֶה. יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אִין חוֹדֶשׁ הַתְּשׁוּבָה - זָאלְסְטוּ אָפְּלָאזְן דִי אַלֶע זַאכְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית טז.): "אָדָם שֶׁתּוֹפֵס שֶׁרֶץ בְּיָדוֹ, אֲפִלּוּ טוֹבֵל בְּכָל מֵימוֹת שֶׁבָּעוֹלָם לֹא עָלְתָה לוֹ טְבִילָה, זְרָקוֹ מִיָּדוֹ, כֵּיוָן שֶׁטָּבַל בְּאַרְבָּעִים סְאָה מִיַּד עָלְתָה לוֹ טְבִילָה", וֶוען אֵיינֶער אִיז טָמֵא און טוֹבֵלְ'ט זִיךְ - וֶוערְט עֶר רֵיין נָאר אוֹיבּ עֶר לָאזְט אָפּ דֶעם טוֹיטְן שֶׁרֶץ, ווייל ווי לַאנְג מֶען הַאלְט אָן דֶעם טוֹיטְן שֶׁרֶץ, אֲפִילוּ מֶען טוֹבֵלְ'ט זִיךְ אִין אַלֶע וַואסֶערְן, אִין אַלֶע מִקְוָאוֹת - בְּלַייבְּט מֶען טָמֵא, נָאר אַז מֶען וַוארְפְט אַוֶועק דִי טוֹיטֶע שְׁרָצִים - וֶוערְט מֶען טָהוֹר.

יֶעצְט וֶוען מֶען פִיבֶּערְט שׁוֹין מִיט דִי נְסִיעָה קַיין אוּמַאן, מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיף טְרַאכְטְן פוּן דִי נְסִיעָה קַיין אוּמַאן - דַארְף מֶען זִיךְ מְטַהֵר זַיין דִי אוֹיגְן, דִי מֹחַ - מֶער נִישְׁט קוּקְן עֲבֵירוֹת. אַז מֶען קוּקְט נִיאוּף און מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית רַחְמָנָא לִצְלָן - פַארְלִירְט מֶען דִי אֱמוּנָה, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס;

מֶען פַארְלִירְט דַאוֶועֶנְעֶן, מֶען פַארְלִירְט לֶערְנֶען, מֶען וֶוערְט בְּעַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה׳דִיג, אַלֶעס הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי קוּקְן עֲבֵירוֹת.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, לִיכְטִיגֶער נְשָׁמָה, וַוארְף אַוֶועק דִי זַאכְן, זַיי זִיךְ מְקַדֵּשׁ וּמְטַהֵר; מִיר פָּארְן שׁוֹין כִּמְעַט צוּם רֶבִּי׳ן - דַארְפְן מִיר זִיךְ אָנְגְרֵייטְן אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת, אַ גְמָרָא; דָאס זָאל זַיין דַיין נַייעֶ שְׁפִּילְצֵייג, אַנְשְׁטָאט שְׁפִּילְן מִיטְ׳ן טֶעלֶעפָאן - זָאלְסְטוּ הַאלְטְן אִין הַאנְט אַ גְמָרָא, אַ מִשְׁנָיוֹת, סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן; מִיר דַארְפְן דָאךְ רַחֲמֵי שָׁמַיִם מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת זָאלְן בְּלַייבְּן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז דוּ וֶועסְט אַוֶועק וַוארְפְן דִי שְׁמוּצֶערֵייעֶן - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה בֶּאֱמֶת.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר פוּן אַבְרֵכִים, אִיךְ הָאף דִיךְ צוּ זֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ קוּמְסְט קַיין אוּמַאן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ה׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ קוּמְסְט קַיין אוּמַאן דִי יָאר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר נָאךְ דִיר אוּן אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דַיינֶע קִינְדֶער; לָאז מִיר וִויסְן דַיינֶע פְּלֶענֶער אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט קוּמֶען, אוּן אוֹיבּ כָּאטְשִׁיג דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן קוּמֶען.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדוֹת הַקוֹדֶשׁ; דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג דַיינֶע זְכוּתִים, וִויפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוערְן מְחוּזָק דוּרְךְ דִיר אוּן דַיין וַוייבּ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מִיר נֶעמֶען אַלֶע מִיט דִי קִינְדֶער קַיין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ה׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע אוֹיבּ מֶען זָאל מִיט שִׁיקְן הַיי יָאר דִי קִינְדֶער קַיין אוּמַאן; אִיךְ קֶען אַייךְ זָאגְן וָואס מִיר טוּעֶן, מִיר נֶעמֶען אַלֶע מִיט דִי קִינְדֶער. וַוייל מִמָּה נַפְשָׁךְ, אוֹיבּ אִיז דִי נְסִיעָה אַ סַכָּנָה - קֶענֶען מִיר אוֹיךְ נִישְׁט פָארְן, אוּן אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סַכָּנָה, נָאר עֶס אִיז אַ שְׁוֶועֶרֶע נְסִיעָה, אַ שְׁוֶועֶרֶע טִלְטוּל הַדֶּרֶךְ - דַארְפְן דָאךְ דִי קִינְדֶער בַּאקוּמֶען אַ חִינוּךְ וִוי אַזוֹי מֶען פָארְט צוּ אַ רֶבִּי, וִוי אַזוֹי מֶען שְׁלֶעפְּט זִיךְ צוּ אַ צַדִּיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן פַאר יֶענֶעם וָואס צוּ טוּן; מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ וָואס מִיר טוּעֶן, מִיר נֶעמֶען דִי קִינְדֶער הַיי יָאר אוֹיךְ - מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף.

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיז עֶנְדֶערְשׁ דִי יָאר, פָארְן מִיט אַ חֲבוּרָה וָואס מֶען דַארְף אַרוֹיסְפָארְן אַ טָאג פְרִיעֶר, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ פָארְן אַלֵיינְס שְׁפֶּעטֶער; דִי יָאר וֶוען דִי נְסִיעָה אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע - אִיז עֶנְדֶערְשׁ פָארְן אַ טָאג פְרִיעֶר מִיט אַ חֲבוּרָה; מִיר טוּעֶן אוֹיךְ אַזוֹי, מִיר פָארְן אַרוֹיס אַ טָאג פְרִיעֶר פוּן אַלֶע יָארְן מִיט אַ חֲבוּרָה אִינְאֵיינֶעם.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיבּ מֶען וֶועט פַארְמַאכְן דִי גְרֶענִיץ, אוֹיבּ אַייעֶר מַאן זָאל קוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע מִיטְהַאלְטְן אוּנְזֶער קִיבּוּץ; עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס, עֶנְדֶערְשׁ זָאל עֶר בְּלַייבְּן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן דַאוֶונֶען מִיט אַ מִנְיָן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וָואס זֶענֶען מְקוּשָּׁר צוּם רֶבִּי׳ן דוּרְךְ פָאלְגְן דִי עֵצוֹת, וָואס לֶערְנֶען סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, זֶענֶען עוֹסֵק אִין הַפָּצָה אוּן זֶענֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס קוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע. מוֹהֲרַא״שׁ פְלֶעגְט אַלֶע

יָארְן זָאגְן: ״דֶער קִיבּוּץ אִיז אִין אוּמַאן, אוּן אַז מֶען קֶען נִישְׁט פָארְן קַיין אוּמַאן - אִיז דָאס נִישְׁט מְצוּמְצָם אִין קַיין שׁוּם מָקוֹם, נָאר אִיבֶּערָאל וואוּ עֶס אִיז דָא אַ מִנְיָן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - דָארְט אִיז דֶער רֶבִּי״.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## בְּעִיקָר דַארְף מֶען בֶּעטְן אַלֶעס זָאל זַיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת גֶעזוּנְטֶערְהֵייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ה׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, אוּן בֶּעטְס יֶעדְן טָאג אַז אִיר זָאלְט אַרִיבֶּערְגֵיין אַלֶעס בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

אוֹיף אַייעֶר פְּרַאגֶע אוֹיבּ אִיר מֶעגְט בֶּעטְן עֶס זָאל זַיין אַ אִינְגְל; מֶען קֶען אַלֶעס בֶּעטְן, מֶען דַארְף אָבֶּער בְּעִיקָר בֶּעטְן אַלֶעס זָאל זַיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת, אִיר זָאלְט זַיין גֶעזוּנְט, דָאס קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט, מֶען דַארְף בֶּעטְן אוֹיף לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת - דָאס אִיז דֶער עִיקָר, אוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט - אִיז דָאס בֶּעסְטֶע אוּן עֶס קֶען נִישְׁט זַיין בֶּעסֶער.

בְּנוֹגֵעַ אַז אַייעֶר מַאן וֶוערְט אָנְגֶעצוֹיגְן וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים אוּן דִי שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁט מְסוּדָר, עֶר קֶען וֶוערְן אִין אַ נִישְׁט גוּטֶע גוּסְטֶע; אִיךְ וֶועל אִים שְׁרַייבְּן עֶר זָאל מֶער זַיין אִין שְׁטוּבּ אִין דִי טֶעג אוּן מֶער הֶעלְפְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אִיגְנָארִירְן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ו׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק**
**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פַּיינִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת וְכוּ׳; אַז עֶס קוּמְט דִיר אַרַיין צֶעדְרֵייטֶע מַחֲשָׁבוֹת - זָאלְסְטוּ דָאס אִיגְנָארִירְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל נִישְׁט גֶעשֶׁעְן, אָבֶּער נִישְׁט אַרַיינְגֵיין בְּטוֹעֵן וְנִטְעָן: ׳עֶס וֶועט נִישְׁט גֶעשֶׁעְן׳, ׳עֶס וֶועט יָא גֶעשֶׁעְן׳; וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן עב) דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, וֶוען מֶען מַאכְט זִיךְ וִויסְנְדִיג דֶערְפוּן - וֶוערְן זֵיי נָאר עֶרְגֶער.

דָאס וָואס דוּ לַיידְסְט יֶעצְט מִיט אַ נֵייעֶ שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבָה, אֶפְשָׁר וֶועסְטוּ בַּיינַאכְט, שְׁלָאפֶעדִיגֶערְהֵייט, אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּבּ מִיט דִי נַאכְט קְלֵיידֶער דְרֵייוְון וְכוּ׳, אוּן דוּ וֶועסְט מַאכְן אַן עֶקְסִידֶענְט וְכוּ׳ וְכוּ׳; לָאז עֶס גֶעשֶׁעְן, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא; זָאג פַאר דַיין מַחֲשָׁבָה: ׳עֶס גֵייט מִיךְ נִישְׁט אָן צוּ דְרֵייוְון שְׁלָאפֶעדִיגֶערְהֵייט׳; אוּן אַז דוּ פַּיינִיגְסְט זִיךְ מִיט אַ בַּאבֶּע מַעֲשֶׂה פוּן לְבָנָה קְרִיכֶער, אַז מֶען קֶען אִינְמִיטְן דִי נַאכְט אַרוֹיפְקְרִיכְן צוּ דִי לְבָנָה; זָאלְסְטוּ זָאגְן פַאר דַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת: ׳זָאל עֶס גֶעשֶׁעְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא׳; אַזוֹי וֶועסְטוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן דֶעם, בָּדוּק וּמְנוּסֶּה. וַוייל אוֹיבּ מֶען הוֹיבְּט אָן זִיךְ זָאגְן: ׳עֶס וֶועט נִישְׁט גֶעשֶׁעְן׳, דַאן קוּמְט אַ שְׁטֶערְקֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבָה.

אוּן אַז דַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת הוֹיבְּן אָן פַּיינִיגְן: ׳אֶפְשָׁר קוּמְט שׁוֹין מָשִׁיחַ, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא וָואס גֵייט זַיין׳ - זָאלְסְטוּ גְלַייךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, זָאל עֶס שׁוֹין גֶעשֶׁעְן, שִׁיק שׁוֹין מָשִׁיחַ; אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אִין אַ בִּיטֶערֶע גָלוּת, אַ הַסְתָּרָה שֶׁבְּתוֹךְ הַסְתָּרָה, דִי אֱמוּנָה אִיז אַזוֹי בַּאהַאלְטְן, בַּאוַוייז זִיךְ שׁוֹין אוֹיף דִי וֶועלְט, לֵייז אוּנְז שׁוֹין אוֹיס״.

מִיר פָאהְרְן יֶעצְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם גְרֶעסְטְן דָאקְטֶער; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיסְהֵיילְן. בַּיים רֶבִּי׳ן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה - בַּאקוּמְט מֶען אַ קְלָארֶע רֵיינֶע מֹחַ. בַּיים רֶבִּי׳ן זָאלְסְטוּ אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף אַ קְלָארֶע מֹחַ מִיט רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**וֶוען מֶען אִיז אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, אַרָאפְּגֶעפַאלְן, נִידְרִיג, וַוייט, און אַ דוּרְכְפַאל**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ו' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף, נָאכְן אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער, נָאכְן זָאגְן מוֹדֶה אֲנִי - זָאלְסְטוּ זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**זָאג אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, אִין אִידִישׁ: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ גֶעב זִיךְ אִיבֶּער צוּ דִיר; מִיךְ, מַיין וַוייבּ, מַיינֶע קִינְדֶער און אַלֶעס וָואס אִיז תָּלוּי אִין מִיר. אִיךְ זָאל נָאר טוּן דַיין וִוילְן, אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טוּן עֶפֶּעס קֶעגְן דַיין וִוילְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין - נִישְׁט מִיט דִי אוֹיגְן, אוֹיעֶרְן, נָאז און מוֹיל, און אִיךְ זָאל טוּן הַיינְט נָאר גוּטְס".**

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָאְרשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי פָּאר וֶוערְטֶער, דָאס טוּט אוֹיף סַיי אִין הִימְל און סַיי אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ; אַלֶעס אִיז אַנְדֶערְשׁ, מֶען וֶוערְט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן עח), רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט מִיט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ - אַזוֹי וִוי אַ מַאמֶע גֵייט מִיטְ'ן קִינְד, אֲפִילוּ דָאס קִינְד אִיז פַארְשְׁמִירְט און עֶס הָאט אַ גֶערוּךְ - וֶועט זִי נִישְׁט אָפְּלָאזְן דָאס קִינְד, אַזוֹי אוֹיךְ, דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ מֶען אִיז אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, אַרָאפְּגֶעפַאלְן, נִידְרִיג, וַוייט, אַ דוּרְכְפַאל - קֶען מֶען נָאכְאַלְץ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִים בֶּעטְן:

**"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קָרְבֵנוּ לַעֲבוֹדָתֶךָ, בְּרֶענְג מִיךְ צוּ דִיר, דֶערְנֶענְטֶער מִיךְ צוּ דִיר".**

אִיךְ הָאף דִיר צוּ זֶען אִין אוּמַאן בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## קִרְיַת בְּרֶסְלֶב אִיז אַ הֶערְלִיכֶע פְּלַאץ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ח׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ הֶערְלִיכֶע זוּמֶער, אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּ זִיךְ קוּמֶען פוּן דֶעם שֵׁיינֶעם פְּלַאץ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב; אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה גֶעהַאט יֶעדֶע מִינוּט צוּ זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַלֶעס דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם דֶעם רֶבִּי׳ן, עֶס אִיז אַ הֶערְלִיכֶע פְּלַאץ.

מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף פָאר אִיךְ הַיינְט אַהֵיים מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה. מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין בֵּין הַזְמַנִים, מָארְגְן וֶועט זַיין יְשִׁיבָה.

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת אוּן תְּהִלִּים, אוּן לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.

מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת נִצָּבִים; מֶען הֶערְט אִין דִי נַייעֶס פוּן אוּמַאן אַז אַלֶעס אִיז אִין אָרְדֶענוּנְג, יֶעדְן טָאג קוּמֶען צוּ פָארְן נָאךְ אוּן נָאךְ מֶענְטְשְׁן צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַ שֵׁיינֶע סֵפֶר תְּהִלִּים פַאר דִי תַּלְמִידוֹת פוּן דִי נַייעֶ שׁוּלֶע אִין יְרוּשָׁלַיִם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ח׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, בֵּית פֵיגָא יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט לִיבּ דִי נַייעֶ שׁוּלֶע בֵּית פֵיגָא אִין

יְרוּשָׁלַיִם, אִיר לֶערְנְט שֵׁיינֶע זַאכְן, אוּן אִיר זָאגְט תְּהִלִּים; אִיר הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט צֶען מָאל גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים. אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם שִׁיקְן אַ מַתָּנָה אַ שֵׁיינֶע סֵפֶר תְּהִלִּים פַאר אַלֶע תַּלְמִידוֹת פוּן אוּנְזֶער נַייֶע שׁוּלֶע בֵּית פֵיגָא יְרוּשָׁלַיִם.

זֶעט זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶועןְ דֶרֶךְ אֶרֶץ זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: "וֶוען דִי קֵסָרִין אוּן קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעווּסְט וָואס פַאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן מִיט מַיינֶע לַייט, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ מִיר אִיךְ זָאל זֵיי לֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ".

וָואס אִיר דַארְפְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר שְׂפְּרַאךְ, אוֹיף אִידִישׁ; ווִי מֶער מֶען רֶעדְט אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט מֶען מֶער זִיכֶער מִיט זִיךְ, מֶען וֶוערְט זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

גֶעבּ אַכְטוּנְג דַיין וַוייבּ זָאל נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין לַחַץ פוּן דִיר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, ח' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין וַוייבּ שְׁרַייבְּט מִיר אַז דוּ וֶוערְסְט בְּרוֹגֶז וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים אוּן דִי שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁט צַאמְגֶענוּמֶען, זִי בֶּעט אִיךְ זָאל דִיר מְחַזֵק זַיין אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן בְּרוֹגֶז אוֹיף אִיר; זִי וַוארְט יֶעצְט וְכוּ', עֶס אִיז אִיר נִישְׁט גְרִינְג מִיט דִי קִינְדֶער אוּן מִיט דִי וַוארְטְן.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, מִיר זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִיר (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד). מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַזוֹיפִיל רֶעדְן פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, פוּן הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ; אַז דָאס אִיז עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. בֶּעט אִיךְ דִיר, זֶע צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, זֶע צוּצוּלֵייגְן אַ הַאנְט, בִּפְרַט אִין דִי טֶעג וְכוּ'.

וואַרְף נִישְׁט קַיין פַּחַד אִין שְׁטוּבּ, לֵייג נִישְׁט קַיין אֵימָה יְתֵירָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (גִּיטִין ו:): "כָּל הַמֵּטִיל אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ", וֶוער עֶס וואַרְפְט אַ פַּחַד אוֹיף זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, "סוֹף הוּא בָּא לִידֵי שָׁלֹשׁ עֲבֵירוֹת, גִּלּוּי עֲרָיוֹת, שְׁפִיכוּת דָּמִים, וְחִלּוּל שַׁבָּת", וֶועט נָאכְדֶעם צוּקוּמֶען צוּ דִי דְרֵייִ הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת פוּן גִּלּוּי עֲרָיוֹת, שְׁפִיכוּת דָּמִים אוּן חִלּוּל שַׁבָּת; גִּיבּ אַכְטוּנְג דַיין וַוייבּ זָאל נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין לַחַץ פוּן דִיר, זִי זָאל נִישְׁט לֶעבְּן אוּנְטֶער דְרוּק אַז אָט קוּמְסְטוּ שׁוֹין אַהֵיים אוּן דִי שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁט גְרֵייט. אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד דַארְף מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, אַז דִי וַוייבּ זָאל שׁוֹין צֵיילְן דִי מִינוּטְן 'וֶוען קוּמְט שׁוֹין מַיין מַאן אַהֵיים אוּן עֶר וֶועט מִיר הֶעלְפְן, אִיךְ וֶועל זִיךְ קֶענֶען אָפְּרוּעֶן'.

אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, דוּ בִּיסְט מֵפִיץ דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ - דַארְף דָאס אוֹיךְ זַיין מִיט אַ צִמְצוּם; עֶס קֶען נִישְׁט גֵיין אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין יֶעצְט צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, מִיר פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיר דַארְפְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן; אַז מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן דַארְף מֶען פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן. דוּ וֵוייסְט אַוַודאי דֶעם סִיפּוּר, רֶבִּי נָתָן אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אִינְאֵיינֶעם מִיט זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער, אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם צִיּוּן הָאט זִיךְ צֶערִיסְן דִי רֶעקְל פוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "גֵיי פַארְרֶעכְט דִיר דַיין רֶעקְל, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קכז) מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי בְּגָדִים זָאלְן נִישְׁט זַיין צֶערִיסְן", אָבֶּער רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זַיין אִינְאֵיינֶעם מִיט רֶבִּי נָתָן בַּיים צִיּוּן אִיז עֶר מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט עֶר וֶועט שְׁפֶּעטֶער פַארְנֵייעֶן זַיין רֶעקְל, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס קוּמְסְטוּ צוּ אַ רֶבִּי, אַז דוּ פָאלְגְסְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּי'ן?"

אִיךְ וֵוייס אַז דוּ בִּיסְט אַ גוּטֶער מַאן, אִיךְ בִּין דִיר נִישְׁט חוֹשֵׁד אַז דוּ בִּיסְט אַ גֶּבֶר אַלִּים; דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' שְׁרַייבְּט זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיף דִיר, דֶערִיבֶּער שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר, אִיךְ וֵוייס אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען וָואס אִיךְ זָאג דִיר. לֵייג

נִישְׁט קַיין דְרוּק אוֹיף אִיר, דַיין וַוייבּ טָאר נִישְׁט הָאבְּן אַ פְּרֶעשׁוּר אַז דוּ קוּמְסְט שׁוֹין בַּאלְד אַהֵיים אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן מִיט דִי שְׁטוּבּ, זִי דַארְף אַרוֹיסְקוּקְן דוּ זָאלְסְט אַהֵיים קוּמֶען אִיר הֶעלְפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**וואוּיל אִיז אַייךְ אַז אִיר זֶענְט מְכַבֵּד אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ח׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳, בֵּית פֵיגָא יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז אַייךְ אַז אִיר זֶענְט מְכַבֵּד אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פַּרְשָׁה כו): ״כָּל הָעוֹלָם כּוּלוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא״, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס, ״וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מֵהָאָדָם, רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם״, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בֶּעט נִישְׁט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ נָאר דִי אֵיינֶע זַאךְ, עֶר זָאל מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר זָאגְט תְּהִלִּים אוּן אַז אִיר הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט צֶען מָאל גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים.

אִיךְ וֶועל עֶנְק אַלֶע שִׁיקְן אַ מַתָּנָה אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע סֵפֶר תְּהִלִּים, פַּאר אַלֶע תַּלְמִידוֹת פוּן אוּנְזֶער נֵייעֶ שׁוּלֶע בֵּית פֵיגָא יְרוּשָׁלַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**דֶער רֶבִּי הָאט מַמְתִּיק גֶעוֶוען פוּן דִיר שְׁוֶוערֶע דִינִים**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ הֶערְלִיכֶע זוּמֶער אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב; אִיךְ בִּין נָאכְאַלְץ נִישְׁט בַּיי מִיר פוּנֶעם שֵׁיינֶעם זוּמֶער, הַלְוַואי וָואלְט אִיךְ גֶעקֶענְט בְּלַייבְּן ווּאוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל, הַלְוַואי וָואלְט אִיךְ גֶעקֶענְט הַאלְטְן דִי יְשִׁיבָה אַ גַאנְץ יָאר אִין שְׁטֶעטְל; דִי שְׁטֶעטְל אִיז אַזוֹי רֵיין, אַזוֹי זוֹיבֶער, מֶען זֶעט נָאר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נָאר שָׁמַיִם וָאָרֶץ; אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס לֶעבְּן חוּץ לְיִשּׁוּב, אִינֶעם רִינְג פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה.

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט; אֱמֶת, יֶעצְט זֶעט אוֹיס אַלֶעס שְׁוַוארְץ, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דוּ גֵייסְט אוּנְטֶער, דִי מַצָּב מִיט דַיינֶע חוֹבוֹת זֶענֶען שְׁרֶעקְלִיךְ; אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן ווִיפִיל נִיסִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט שׁוֹין מִיט דִיר גֶעטוּן בִּיז אַהֶער, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ בִּיסְט אֵיין שְׁטִיק נֵס, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן מִיט דִיר נָאךְ נִיסִים.

בְּנוֹגֵעַ פָּארְן קַיין אוּמַאן וְכוּ'; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען קַיין אוּמַאן. זָארְג נִישְׁט פוּן וואוּ דוּ וֶועסְט הָאבְּן גֶעלְט; דִי אַלֶע טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען קַיין אוּמַאן, רוֹב פוּן זֵיי קוּמֶען אָן קַיין אֵיין פְּרוּטָה; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען זַיין בַּיים רֶבִּי'ן.

דָאס וָואס דוּ זָאגְסְט, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ קוּמֶען דִי יָאר נָאכְאַמָאל וֶוען דוּ זֶעסְט נִישְׁט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר? מִיטְ'ן הָאבְּן גֶעוֶוען אִין אוּמַאן פַארְיָאר אִיז דִיר נָאכְאַלְץ אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע יָאר! וָואס וֵוייסְטוּ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מַמְתִּיק גֶעוֶוען פוּן דִיר דִינִים, וָואס רֶעדְסְטוּ? דוּ הָאסְט דֶען אַן אַנוּנְג וָואס אִיז נִגְזַר גֶעוָוארְן אוֹיף דִיר פַארְיָאר אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דָאס מַמְתִּיק גֶעוֶוען, אוֹיפְגֶעטוֹישְׁט אוֹיף דִי שְׁוֶוערִיקֵייטְן... וֶוען מֶען וָואלְט דִיר גֶעווִיזְן דִי שְׁוֶוערֶע דִינִים אוּן דִיר גֶעפְרֶעגְט: "ווִילְסְטוּ טוֹישְׁן דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע גְזֵירוֹת אוֹיף דִי שְׁוֶוערִיקֵייטְן?" וָואלְסְטוּ זִיכֶער גֶעכַאפְּט דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג דַיינֶע וְכוּ'.

גֵיי אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן גֶעבּ אַכְטוּנְג בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת נִישְׁט נָאר בֶּעטְן,

נִישְׁט נָאר וֶויינֶען; הוֹיבּ אָן דִי הִתְבּוֹדְדוּת מִיט שֶׁבַח וְהוֹדָאָה, זוּךְ גוּטְס אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען - וֶועסְטוּ זֶען וִוי גוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּ דִיר.

הוֹיבּ אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין שׁוֹין הַיינְט, לָאז דָאס נִישְׁט בִּיז סוֹף וָואךְ; דָאס וֶועט דִיר רַאטֶעוֶוען פוּן עֲבֵירוֹת, דָאס אִיז אַ תִּיקוּן הַבְּרִית.

אִיךְ בִּין שׁוֹין צוּרִיק אִין יְשִׁיבָה. אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ קֶען וַוייטֶער זִיצְן בַּיים רֶבִּי'ן אִין יְשִׁיבָה מְקַבֵּל זַיין דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּנֶעם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**מִיר קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן אָן חוֹבוֹת, אָן קְרַאנְק וֶוערְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף; אֲפִילוּ דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דִיר גֵייט עֶס נִישְׁט, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ פְלָאגְסְט זִיךְ אוּמְזִיסְט, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי מֶען שְׁטוּפְּט דִיר אַוֶועק - דָאךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מְיָיאֵשׁ זַיין.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): "כְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֲזַי הַדֶּרֶךְ שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת, וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מִלְמַעְלָה וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ כְּלָל לִכָּנֵס לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", אַזוֹי גֵייט עֶס וֶוען מֶען וִויל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט וִוי קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, עֶר הָאט שְׁטַארְקֶע רַאֲיוֹת אַז מֶען דֶערְוַוייטֶערְט אִים; אָבֶּער דֶער רֶבִּי זָאגְט: "וּבֶאֱמֶת כָּל הַהִתְרַחֲקוּת הוּא רַק כֻּלּוֹ הִתְקָרְבוּת", דָאס אִיז נָאר אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען ווִיל דֶערְנֶענְטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ - דַאן וֶועט עֶר אַלֶעס אַרִיבֶּערְגֵיין אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס אִיז נָאר פַארְהַאן.

גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף; אַז דוּ בִּיסְט גֶעפַאלְן - זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, עֶס אִיז נִישְׁט עֶק וֶועלְט, עֶס וַוארְט דִיר שֶׁענֶערֶע טֶעג. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כה): "וּבָזֶה טוֹעִין הַחֲסִידִים הַרְבֵּה, שֶׁפִּתְאֹם נִדְמֶה לָהֶם שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדַת ה'", אִין דֶעם זֶענֶען זִיךְ דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן טוֹעֶה, וֶוען זֵיי זֶעעֶן וִוי זֵיי פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ אוּן פְּלוּצְלִינְג פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין אַ יְרִידָה, עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי אַז זֵיי זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן, זָאגְט דֶער רֶבִּי - "וּבֶאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל, רַק מֵחֲמַת שֶׁצְּרִיכִין לַעֲלוֹת מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה, וְאָז מִתְעוֹרְרִין וּמִתְגַּבְּרִין מֵחָדָשׁ הַקְּלִיפּוֹת, שֶׁהֵם הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַדִּמְיוֹנוֹת וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַמְּנִיעוֹת כַּנַּ"ל, עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ", אַז בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קַיין נְפִילָה, דָאס אִיז נָאר אַ דִמְיוֹן וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַריין אִינֶעם מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר אִיז מַצְלִיחַ אוּן עֶר קֶען שׁוֹין גֵיין וַוייטֶער אִין דִי קְדוּשָׁה, דֶעמָאלְט מַאכְט עֶר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, סְפֵיקוֹת אוּן מְנִיעוֹת וְכוּ', אָבֶּער מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם נָאר וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הַיינְט בַּיינַאכְט אִיז דָא אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; דִי שִׂמְחָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, דִי שִׂמְחָה אִיז אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס גֶעבְּט אוּנְז שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן. מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם קָאפּ, עַד כְּדֵי כַּךְ, עֶר הָאט אוּנְז מַמָּשׁ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען חוּץ לְיִשּׁוּב, מִיר קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן אָן חוֹבוֹת, אָן קְרַאנְק וֶוערְן; קוּם קוּקְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען חֲתוּנָה הָאבְּן אָן קַיין חוֹבוֹת, אָן קְרַאנְק וֶוערְן.

מָארְגְן אִיז דָא נָאךְ אַ חֲתוּנָה; דָאס אִיז שׁוֹין אַ גְרֶעסֶערֶע חִידוּשׁ, דִי מָארְגְנְדִיגֶע חֲתוּנָה זֶענֶען דִי מִשְׁפָּחוֹת פוּן אַנְדֶערֶע קְרֵייזְן, נָאר דִי חָתָן כַּלָּה זֶענֶען בֵּיידֶע מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן אוּן בֵּיידֶע ווִילְן חֲתוּנָה הָאבְּן בַּיים רֶבִּי'ן.

דִי יְשִׁיבָה אִיז צוּרִיק אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, דִי בָּחוּרִים לֶערְנֶען פְלַייסִיג. עֶס אִיז אַ מְחַיֶה אַרַיינְצוּקוּמֶען אִינְמִיטְן טָאג זֶען דִי הֶערְלִיכֶע בִּילְד וִוי עֶס זִיצְן צֶענְדְלִיגֶער בָּחוּרִים אָן קַיין מַשְׁגִּיחִים, אָן גָארְנִישְׁט; זֵיי זִיצְן אוּן לֶערְנֶען זֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), דִי שִׁיעוּרִים גֵייעֶן אָן וִוי גֶעוֶועגְלִיךְ.

אִיךְ הָאף דוּ הָאסְט שׁוֹין אָנְגֶעגְרֵייט אַ טִיקֶעט מִיט אַ וֶועג אָנְצוּקוּמֶען קַיין אוּמַאן, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט זַיין מִיט אוּנְזֶער חַבוּרָה אִין אוּמַאן, אִיךְ וַוארְט דִיר צוּ זֶען בַּיים רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**זְמַנִים פַּאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ"ג הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דֶער טָאג גֵייט דִיר אַרִיבֶּער מִיט אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן; יֶעדֶע רֶגַע אִיז פַּאר הֲפָצָה, צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פַּאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

קְרֶעכְץ נִישְׁט אַז דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אָן מִיט דִי אַרְבֶּעט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת כה:): "לֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין מַלְאָכִים, מִיר זֶענֶען מֶענְטְשְׁן; וִויפִיל מֶען קֶען טוּן - דַארְף מֶען טוּן, אַז מֶען טוּט דָאס מֶערְסְטֶע וִויפִיל מֶען קֶען - מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִיסִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא צט.): "מְקוֹם אָרוֹן אֵינוֹ מִן הַמִּדָּה", דֶער אָרוֹן הָאט נִישְׁט בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע קַיין פְּלַאץ אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים, עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ אַרַיינְצוּשְׁטוּפְּן מִיט כֹּחַ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס אַז עֶס הָאט יָא גֶעהַאט פְּלַאץ; אַזוֹי אִיז בַּיי אַלֶעם, וֶוען מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - גֶעשֶׁעט אַ נֵס אוּן עֶס אִיז דָא צַייט אוּן פְּלַאץ.

אִיךְ שִׁיק דִיר דָא דִי זְמַנִים פַּאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ"ג הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה. מַאךְ אַ שֵׁיינֶעם צֶעטְל, דְרוּק עֶס אִינֶעם גִּלָּיוֹן, אוּן אוֹיךְ זָאל מֶען דָאס אָנְגְרֵייטְן אוֹיפְצוּהֶענְגֶען אִינֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן, אַלֶע זָאלְן וִויסְן וֶוען מֶען דַאוְוענְט אוּן וֶוען עֶס וֶועט זַיין שִׁיעוּרִים:

מוֹצָאֵי שַׁבַּת כִּי תָבוֹא וֶועלְן מִיר זָאגְן סְלִיחוֹת אוּם אֵיינְס אַזֵייגֶער.

שַׁבָּת פַּרְשַׁת נִצָּבִים וֶועלְן מִיר זַיין מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף אִין אוּמַאן. דִי זְמַן הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת אִין אוּמַאן אִיז בְּשָׁעָה 6:45.

מִיר וֶועלְן דַאוֶוענֶען מִנְחָה אוּן קַבָּלַת שַׁבָּת בְּשָׁעָה 7:30, נָאךְ דִי סְעוּדָה וֶועט זַיין אַ בָּאטֶע, מִיר וֶועלְן זִינְגֶען זְמִירוֹת אוּן רֶעדְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי וֶועלְן מִיר דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית בְּשָׁעָה 9:30, נָאכְן דַאוֶוענֶען וֶועט מֶען פָארְלֶערְנֶען סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת.

מִנְחָה וֶועט מֶען דַאוֶוענֶען בְּשָׁעָה 7:00, נָאךְ מִנְחָה וֶועט זַיין שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי חֲצוֹת וֶועלְן מִיר זָאגְן סְלִיחוֹת, אוּם 1:00 נָאךְ סְלִיחוֹת וֶועט מֶען קֶענֶען מַאכְן פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ.

עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִינְדֶערְפְרִי וֶועלְן מִיר דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית אוּם 8:00, נָאכְן דַאוֶוענֶען וֶועט זַיין פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ.

זְמַן הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז 6:30, מֶען וֶועט דַאוֶוענֶען דֶעם לֶעצְטְן מִנְחָה פוּנֶעם יָאר עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים זְמַן הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת.

שַׁחֲרִית בֵּיידֶע טֶעג רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט זַיין 8:00

5:00 וֶועט מֶען גֵיין תַּשְׁלִיךְ, מִנְחָה וֶועט זַיין 6:00, אוּן 6:30 וֶועט זַיין דִי דְרָשָׁה.

דֶעם צְוֵוייטְן טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט מֶען אוֹיךְ דַאוֶוענֶען מִנְחָה 6:00, אוּן דִי דְרָשָׁה וֶועט זַיין 6:30.

דִי זְמַן פוּן מוֹצָאֵי יוֹם טוֹב אִיז 8:00.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר הָאבְרֵךְ ... עֶר זָאל צוּשְׁטֶעלְן שְׁטָרוֹת פְּרוֹזְבּוּל פַארְ׳ן גַאנְצְן עוֹלָם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְן קַיין אוּמַאן, וָואלְט אִיךְ גֶעשִׁיקְט מַיינֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י״א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ, וֶועל אִיךְ דִיר זָאגְן וָואס אִיךְ וָואלְט גֶעטוּן אִין דַיין מַצָּב.

וֶוען אִיךְ קֶען וֶוען נִישְׁט פָארְן קַיין אוּמַאן, זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - וָואלְט אִיךְ גֶעשִׁיקְט מַיינֶע קִינְדֶער צוּם רֶבִּי׳ן. אִיךְ זָאג דִיר נִישְׁט וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן, אִיךְ זָאג דִיר וָואס אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעטוּן.

פָארְן קַיין אוּמַאן אִיז נִישְׁט קַיין שֵׁיינֶע זַאךְ, אַ מִנְהָג אָדֶער אַן עִנְיָן; פָארְן אוֹיף אוּמַאן זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה - אִין דֶעם אִיז תָּלוּי אַלֶעס, אִין דֶעם אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען דִי גְאוּלָה; דָאס אִיז תִּיקוּנִים וָואס מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה דֶערִין, אִיז דָאךְ נִישְׁט קַיין פְרַאגֶע וָואס מֶען זָאל טוּן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט׳ן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### דָאס דַארְף אוּנְז לִיגְן פַאר אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן, מִיר זָאלְן לֶעבְּן בְּאַחְדוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ וִויל זֵייעֶר עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דִי לֶעצְטֶע פָּאר וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרַא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעשְׁרִיבְּן פוּן שְׁפִּיטָאל אִיז גֶעוֶוען נָאר פוּן שָׁלוֹם צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; דָאס דַארְף אוּנְז לִיגְן פַאר אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן, מִיר זָאלְן לֶעבְּן בְּאַחְדוּת. אוֹיבּ אִיז דָא אֵיינֶער וָואס הָאט פַיינְט אַ צְוֵוייטְן אִיז

אַ סִימָן אַז עֶפֶּעס טוֹיג נִישְׁט מִיט אִים, וַוייל וֶוער עֶס הָאט הִתְבּוֹדְדוּת, וֶוער עֶס לֶעבְּט מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, וֵוייסְט, אַז נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן מִיר דַארְפְן צוּרִיקְגֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן סא) מָשִׁיחַ וֶועט מְגַלֶּה זַיין פַאר דִי וֶועלְט אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט, מֶען וֶועט זֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין זְמַן בִּכְלַל, דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן - דִי זִיבֶּעצִיג יָאר אִיז אַזוֹי וִוי אַ פֶערְטְל שָׁעָה; פְרֶעג אִיךְ דִיר, פַאר אַ פֶערְטְל שָׁעָה אִיז כְּדַאי זִיךְ צוּ קְרִיגְן? אִיז כְּדַאי צוּ פַארְלִירְן בֵּיידֶע וֶועלְטְן וֶועגְן אַ פֶערְטְל שָׁעָה?!

וָואס דַארְף מֶען זִיךְ פַיינְט הָאבְּן? אַז מֶען הָאט זִיךְ פַיינְט אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז נָאךְ וַוייט פוּן אֱמֶת; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "'אֱמֶת' אִיז צְוֵויי וֶוערְטֶער, 'אֶהְיֶ' מֶת' אִיךְ גֵיי זַיין אַ טוֹיטֶער, אֵיין טָאג וֶועל אִיךְ זַיין אַ נִפְטָר, אֵיין טָאג וֶועל אִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְלָאזְן; מַיין הוֹיז, מַיין קַאר, מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אִיךְ וֶועל אִיבֶּערְלָאזְן מַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, מַיינֶע גֶעלְטֶער, אִיךְ וֶועל צוּרִיקְגֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר מִיט מַיינֶע גוּטֶע זַאכְן; דֶער וָואס גֶעדֶענְקְט דָאס - דֶער לֶעבְּט מִיט אֱמֶת, דֶער הַאלְט בַּיים אֱמֶת".

שׁוֹין צַייט תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, מִיר פָארְן שׁוֹין כִּמְעַט צוּם רֶבִּי'ן; בְּאֵלוּ פָּנִים וֶועלְן מִיר קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן? וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ זִיךְ בַּאוַוייזְן מַיין פָּנִים בַּיים רֶבִּי'ן? לָאמִיר תְּשׁוּבָה טוּן, לָאמִיר זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן - יֶעדֶער אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט וֶועם מֶען רֶעדְט נִישְׁט, אָנְהוֹיבְּן קוּקְן אִין דִי אוֹיגְן וֶועם מֶען קוּקְט נִישְׁט אִין דִי אוֹיגְן, אוּן אוֹיפְהֶערְן הֶעצְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

וואוּ הַאלְסְטוּ אִין מִשְׁנָיוֹת? וואוּ הַאלְסְטוּ אִין שַׁ"ס? וואוּ הַאלְסְטוּ דִי וָואךְ אִין מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין? וֶוען בִּיסְטוּ גֶעוֶוען דָאס לֶעצְטֶע מָאל אִין מִקְוֶה? וֶוען הָאסְטוּ גֶעדַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן? וֶוען הָאסְטוּ גֶעדַאוֶוענְט אַ רֵיינֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה? וִוי אִיז דָא צַייט אֲפִילוּ צוּ טְרַאכְטְן פוּן דֶעם אוּן פוּן יֶענֶעם?!

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר; קוּם צוּם שִׁיעוּר, וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען חִיזוּק צוּ עֶפֶענֶען צוּרִיק דַיין מִשְׁנָיוֹת, חִיזוּק אוֹיף דַיין שִׁיעוּר גְמָרָא; וֶועסְט בַּאקוּמֶען חִיזוּק צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן; נֶעם עֶס נִישְׁט פַאר גְרִינְג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## דֶער עִיקָר וָואס מִיר בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן אִיז דָאס אַיינְשְׁפְּרִיץ פוּן אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הֶער דַיינֶע קְרֶעכְצְן, אִיךְ הֶער דַיין וֵוייטָאג. אָבֶּער טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, מִיר גְלֵייבְּן אִין צַדִּיקִים; אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל קוּמֶען קַיין אוּמַאן צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן עֶר וֶועט אוּנְז גֶעבְּן דָאס בֶּעסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע - אִיז עֶס אַזוֹי, פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ.

אֵיי וֶועסְטוּ טַעְנָה'עֶן, בִּיסְט גֶעקוּמֶען פַארְיָאר מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוּן מִיט דֶעם אִיז דִיר אַזוֹי שְׁוֶוער בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, עֶס אִיז דִיר אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע יָאר; דָאס אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קַיין טַעֲנָה, אַדְּרַבָּה, דָאס אִיז אַ רַאְיָ' אַז מִיר מוּזְן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ הַאלְטְן בַּיים רֶבִּי'ן. דֶער עִיקָר וָואס מִיר בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן אִיז דָאס אַיינְשְׁפְּרִיץ פוּן אֱמוּנָה, אַזוֹי ווִי דֶער דָאקְטֶער, אֵיידֶער עֶר גֵייט אַפֶּערִירְן דֶעם פַּאצִיעֶנְט, שְׁפְּרִיצְט עֶר אַרַיין אַ מֶעדֶעצִין וָואס שְׁלֶעפְּט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל קֶענֶען דֶערְהֵייבְּן דִי יְסוּרִים וְכוּ' - דָאס טוּט דֶער רֶבִּי מִיט אוּנְז, עֶר שְׁפְּרִיצְט אַרַיין אֱמוּנָה אִין אוּנְז, מִיר זָאלְן גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט - אִיז נָאר פוּן אִים, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער - אִיז נָאר פַאר מַיין טוֹבָה, אַלֶעס אַלֶעס אִיז נָאר עֶר, מִיר קֶענֶען אִים נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אוּן מִיר וֶועלְן סֵיי ווִי נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, קוּם קַיין אוּמַאן; שְׁפְּרִינְג אַרִיבֶּער אַלֶע דַיינֶע שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת. יֶעצְט הָאסְטוּ רִיכְטִיגֶע מְנִיעוֹת, וַוייל ווִילַאנְג דִי מְנִיעוֹת אִיז פוּן אַרוּם אוּן אַרוּם; פוּן מִשְׁפָּחָה, בִּיזְנֶעס, חֲבֵרִים וְכַדוֹמֶה - דָאס קֶען מֶען גְרִינְג אִיבֶּערְטַאנְצְן, אָבֶּער וֶוען דִי מְנִיעוֹת קְרִיכְן אַרַיין אִין מֹחַ מַחֲשָׁבָה, מֶען

הוֹיבְּט אָן הָאבְּן סְפֵיקוֹת וּבִלְבּוּלִים אוֹיפְ'ן צַדִיק און אוֹיפְ'ן בַּאשֶׁעפֶער - דָאס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר בִּיטֶער.

דִי עֵצָה פַאר דֶעם - זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מו) - אִיז שְׁרֵייעֶן מֵעֹמֶק הַלֵּב צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס אִיז מִיט מִיר? וָואס גֵייט פָּאר מִיט מִיר? אִיךְ הָאבּ קֻשְׁיוֹת און סְפֵיקוֹת. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, רַאטֶעוֶוע מִיךְ, אִיךְ קִיל זִיךְ אָפּ, עֶס פַּיינִיגְט מִיר מַיין מַחֲשָׁבָה, אִיךְ הָאבּ קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, סַיי אֱמוּנָה אִין דִיר, און סַיי אֱמוּנַת חֲכָמִים. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן שֶׁפַע, אִיךְ זָאל אַרוֹיסגֵיין פוּן מַיין דַחְקוּת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵירוּבִין מא:) 'עֲנִיּוּת מַעֲבִיר אֶת הָאָדָם עַל דַּעְתּוֹ וְעַל דַּעַת קוֹנוֹ', אָרֶעמְקֵייט מַאכְט מֶען זָאל פַארְלִירְן דִי דַעַת און פַארְלִירְן דִי אֱמוּנָה, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען מַיין תִּיקוּן, אִיךְ זָאל נִישְׁט זַיין פַארְוָוארְפְן סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט און סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; דִי וֶועלְט אִיז אֵיין זַאךְ, אָבֶער מַיין נְשָׁמָה זָאל הָאבְּן אַ רוּהֶ אוֹיבְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה און שְׁטַארְקֶע אֱמוּנַת חֲכָמִים".

אִיךְ הָאף דִיר צוּ זֶען אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

...

כָּל זְמַן מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, מֶען הַאלְט אָן דִי מִלְחָמָה, אִיז גוּט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער, טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר

צוּ עֶנְק, אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּ זֶען מִיט עֶנְק אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דִי יָאר אִיז נִישְׁט לַייכְט דִי נְסִיעָה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט בִּילִיג; עֶס אִיז אַ שְׁוֶועֶרֶע נְסִיעָה, אַ טִלְטוּל הַדֶּרֶךְ, אוּן עֶס אִיז טֵייעֶר; אִיךְ הָאבּ אִיר שְׁפְּרִינְגְט אַרִיבֶּער אוֹיף דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן אוּן אִיר שְׁלֶעפְּט אַייעֶר גוּף צוּם רֶבִּי'ן.

נֶעכְטְן בַּיים לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר הָאבְּן מִיר זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיטְ'ן פָּסוּק וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט: "כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ, וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ, וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ", אַז מֶען גֵייט אַרוֹיס אִין אַ מִלְחָמָה מִיטְ'ן יֵצֶר הָרָע, מֶען שְׁלָאגְט זִיךְ – וֶועט מֶען בַּיים סוֹף מְנַצֵּחַ זַיין. כָּל זְמַן מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, מֶען הַאלְט אָן דִי מִלְחָמָה – אִיז גוּט, מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ חַס וְשָׁלוֹם, מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן וֶוען מֶען זֶעט וִוי עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַזַא לַאנְגֶע צַייט אוּן מֶען הַאלְט נָאךְ וַוייט פוּן עֶפֶּעס אַ פִּינְטֶעלֶע קְדוּשָׁה, מֶען דַארְף וַוייטֶער מִלְחָמָה הַאלְטְן בִּיז מֶען אִיז מְנַצֵּחַ.

וִוי אַזוֹי הַאלְט מֶען מִלְחָמָה? אוּנְזֶער גֶעוֶוער אִיז דִי מוֹיל; יֶעדֶע מָאל אַ אִיד זָאגְט אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ וִויל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, אִיךְ וִויל נִישְׁט טוּן שְׁלֶעכְטְס" – אִיז מֶען אִין אַ גוּטֶע וֶועג אוּן מֶען וֶועט מְנַצֵּחַ זַיין, אֲפִילוּ מֶען זֶעט נִישְׁט מִיט דִי אוֹיגְן 'וִוי וָואס וֶוען – מְנַצֵּחַ זַיין?' אֲפִילוּ עֶס אִיז לַאכֶעדִיג, אַזוֹיפִיל מָאל זָאגְן 'אִיךְ וִויל זַיין גוּט' אוּן גָארְנִישְׁט רוּקְט זִיךְ נִישְׁט – דָאךְ וֶועט מֶען מְנַצֵּחַ זַיין, מֶען וֶועט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים הַאלְט אַייךְ אִינְאֵיינֶעם. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "תִּרְאוּ לְהִתְקַבֵּץ יַחַד, וּלְהִתְפַּלֵּל יַחַד", אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן דַאוֶונֶען צוּזַאמֶען, "כִּי אִם תִּתְפַּלְּלוּ בְּכַוָּנָה, אוּלַי תּוּכְלוּ לְהַמְשִׁיךְ אוֹתִי לְכָאן עוֹד הַפָּעַם", אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן דַאוֶונֶען צוּזַאמֶען – וֶועט אִיר מִיר קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ אַייךְ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קפז), דָארְט וואוּ מֶען הַאלְט זִיךְ אִינְאֵיינֶעם אוּן מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ – אִיז דֶער רֶבִּי דָארְט.

מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז אַלֶע יָארְן גֶעזָאגְט: "וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואלְטְן זִיךְ שְׁטַארְק לִיבּ גֶעהַאט – וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; קוּקְט וִוי שֵׁיין אִיר זֶענְט מַצְלִיחַ, אִיר הָאט

אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם, אוּן פַארְיָאר גֶעעֶפְנְט אַ חֵדֶר, אוּן יֶעצְט אַ שׁוּלֶע, אוּן מֶען רֶעדְט שׁוֹין יֶעצְט פוּן עֶפֶּענֶען מוֹסְדוֹת אִין גָלִיל; דָאס אִיז נָאר אַז מֶען הַאלְט זִיךְ בְּאַחְדוּת.

אוֹיךְ אִין שְׁטוּבּ דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זַיין אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט. דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן נָאר אַז מֶען אִיז חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן מֶען לֶעבְּט מִיט לִיבְּשַׁאפְט; וַוייל נָאר אַז מֶען אִיז חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט - קֶען מֶען הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה.

אַמָאל אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזִיצְן בַּיים טִישׁ מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, אִינְמִיטְן הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: "וִוי וַואגְט זִיךְ צוּ קוּמֶען צוּ מַיין טִישׁ אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין רֵיינֶע מַחְשָׁבוֹת?!" דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דֶעם טִישׁ מִיטְ'ן עוֹלָם, אַרַיין אִין זַיין צִימֶער אוּן מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיצְן בַּיים טִישׁ. וֶוען דֶער אִינְגֶערְמַאן - אוֹיף וֶועם דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ בַּאצוֹיגְן - הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער רֶבִּי גֵייט אַרַיין אִין צִימֶער, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִימֶער אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען אוּן זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'ן אַז דָאס גֵייט מֶער נִישְׁט פַּאסִירְן, בִּיז דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אוּן וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיטְ'ן זָאגְן תּוֹרָה.

וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה? דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ; זֶעט מֶען וִוי שְׁטַארְק דֶער רֶבִּי הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, וַוייל אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ הָאט מֶען נִישְׁט קַיין מֹחַ, אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מֹחַ אִיז מֶען נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אַז מֶען זָאל אַרָאפְּפַאלְן אִין אַ טִיפֶע גְרוּבּ רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער מַאֲרִיךְ זַיין, אִיךְ דַארְף אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מֶען קֶען בְּרֶענְגֶען צוּם רֶבִּי'ן הַתְחָלוֹת אוֹיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער און נֶענְטֶער צוּ אוּנְזֶער נְסִיעָה קַיין אוּמַאן, זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

מוֹהֲרַאַ"שׁ הוֹיבְּט אָן דִי בְּרִיוו פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא: "כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן", אַזוֹי הָאט רֶבִּי נָתָן אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי בְּרִיוו.

מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי", אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, "וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה", פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט מְעוֹרֵר זַיין מַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?! "אִישׁ לֹא יֵעָדֵר", קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן! "כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז נָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ, וּמְקֹרָב אֵלָיו, יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ", און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין אִים, אַז עֶר הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד, אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים, כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם", און וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, עַיֵּין שָׁם.

מוֹהֲרַאַ"שׁ פְלֶעגְט אוּנְז אָנְגְרֵייטְן מִיר זָאלְן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן מִיט עֶפֶּעס אִין דִי הַאנְט. מִיר זָאלְן קוּמֶען מִיט סִיוּמִים; סִיוּם מִשְׁנַיּוֹת, סִיוּם גְמָרָא. יֶעצְט וֶוען מִיר הַאלְטְן שׁוֹין מַמָּשׁ אַפָּאר טֶעג פַאר דִי נְסִיעָה, אוֹיבּ הָאט מֶען נִישְׁט צוּ בְּרֶענְגֶען סִיוּמִים, קֶען מֶען בְּרֶענְגֶען צוּם רֶבִּי'ן הַתְחָלוֹת. מֶען קֶען יֶעצְט אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגּוּם יֶעדְן טָאג; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי. מֶען קֶען יֶעצְט אָנְהוֹיבְּן מִשְׁנַיּוֹת סֵדֶר זְרָעִים מַסֶּכֶת

בְּרָכוֹת; לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּמָּה וְכַמָּה פְּרָקִים. אַזוֹי אוֹיךְ גְּמָרָא, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן דָאס בְּרֶענְגֶען קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי׳ן.

הַיינְט נאכְט אִיז דָא נָאךְ אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, דִי פֶּערְצִיגְסְטֶע חֲתוּנָה פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס עֶס קָאסְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט פַאר דִי מְחוּתָּנִים, דִי חֲתוּנָה אִיז גֶענְצְלִיךְ בְּחִנָּם. חָתָן כַּלָּה הָאבְּן בֵּיידֶע גֶעלֶערְנְט אִין דִי מוֹסְדוֹת, זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַ חִינוּךְ וָואס דָאס לֶעבְּן אִיז, עֶס אִיז זֵיי גוּט אַ פָּשׁוּטְ׳עֶ חֲתוּנָה, זֵיי ווילְן דִי חֲתוּנָה - נִישְׁט דִי אַרוּם אוּן אַרוּם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### שֵׁיינֶע סְעוּדוֹת פַאר אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס דִי מֶענֶער פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט״ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעב אִיבֶּער אִין שְׁטוּבּ, אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִינְדֶערְפְרִי אוּן אוֹיךְ שַׁבָּת פַּרְשַׁת נִצָּבִים וֶועט זַיין שֵׁיינֶע סְעוּדוֹת אִין הָאשְׁקִי שׁוּל פַאר אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס דִי מֶענֶער פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אוֹיבּ דַיין וַוייבּ ווִיל מִיטְהַאלְטְן דִי שֵׁיינֶע סְעוּדוֹת זָאל זִי זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

עֶס וֶועט זַיין זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק; דִי קִינְדֶער וֶועלְן הָאבְּן מִיט וֶועם צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען, אוּן דִי פְרוֹיעֶן וֶועלְן זֵייעֶר הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דִי גֶעשְׁמַאקֶע אַטְמָאסְפֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**ווי אַזוֹי אַ פְרוֹי קֶען אוֹיסְנוּצְן דֶעם הֵיילִיגְן טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, י״א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶרֶע פְרַאגֶעס.

בְּנוֹגֵעַ וואוּ אִיר זָאלְט זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען אַייעֶר מַאן פָאָרְט צוּם רֶבִּי׳ן קַיין אוּמַאן, עֶנְדֶערְשׁ בַּיי אַייעֶר מַאמֶע אָדֶער בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ? אַייעֶר מַאמֶע בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר צוּ קוּמֶען, אִיר ווילְט וויסְן אוֹיבּ אִיז עֶנְדֶערְשׁ צוּ בְּלַייבְּן מִיט פְרוֹיעֶן נְשׁוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דָארְט וֶועט אִיר גֶעדֶענְקֶען פוּן רֶבִּינְ׳ס זַאךְ וְכוּ׳.

אִיךְ רָאט אַייךְ עֶנְדֶערְשׁ זָאלְט אִיר גֵיין צוּ אַייעֶר מַאמֶע תִּחְיֶ׳; דָאס וֶועט זַיין פַאר אַייךְ דִי גְרֶעסְטֶע זְכוּת בַּיים יוֹם הַדִין, דִי מִצְוָה פוּן מְכַבֵּד זַיין אוּן מְחַיֶ׳ זַיין עֶלְטֶערְן - אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע, ווי אַזוֹי נוּצְט מֶען אוֹיס דֶעם גְרוֹיסְן טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה? וָואס דַארְף מֶען דַאוֶוענֶען? וֶועלְכֶע שְׁטִיקְלֶעךְ זֶענֶען זֵייעֶר ווִיכְטִיג?

רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג צוּ זַיין פַּאזִיטִיוו; מֶען עֶסְט דִי סִימָנִים אַלֶעס נָאר צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס קוּמְט אַ גוּט יָאר, עֶס גֵייט זַיין גוּט, זִיס ווִי הָאנִיג.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, כא) פִיר זַאכְן זָאל מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה:

עֶרְשְׁטְנְס, "שֶׁיְחַשֵּׁב רַק מַחֲשָׁבוֹת טוֹבוֹת", מֶען זָאל טְרַאכְטְן נָאר גוּט, "שֶׁיֵּיטִיב הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עִמָּנוּ וְכוּ׳", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט זִיכֶער הֶעלְפְן.

צְווֵייטְנְס, "צְרִיכִין לִהְיוֹת שָׂמֵחַ בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה", מֶען דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מַאכְן גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דְרִיטְנְס, "גַּם צְרִיכִין לִבְכּוֹת בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה", אוֹיךְ דַארְף מֶען ווֵיינֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

פֶערְטְנְס, "בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן", דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "צְרִיכִין לְמַעֵט בְּדִבּוּר מְאֹד מְאֹד", זָאל מֶען וָואס ווֵייניגֶער רֶעדְן; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ אַזוֹי, מֶען רֶעדְט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז נָאךְ תַּשְׁלִיךְ.

מַאמֶעס פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט דִי קִינְדֶער - דַארְפְן נִישְׁט דַאוֶוענֶען. אַז מֶען הָאט צַייט, דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן פַאר זִיךְ אַלֵיינְס, אָדֶער אַז עֶס אִיז דָא עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער וָואס קֶענֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן - קֶען מֶען דֶעמָאלְט דַאוֶוענֶען, אוּן אַז נִישְׁט - אִיז מֶען פָּטוּר פוּן דַאוֶוענֶען.

אִיר בֶּעט אַ תְּפִלָּה וָואס צוּ בֶּעטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַזוֹי וֶועט אִיר זַיין רוּאִיג אַז אִיר הָאט אוֹיסְגֶענוּצְט דֶעם טָאג, דָא הָאט אִיר אַ תְּפִלָּה:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הַיינְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִשְׁפָּט מֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶעס וָואס גֵייט זַיין דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר, אַלֶעס שְׁרַייבְּסְטוּ הַיינְט אָפּ. בְּכֵן בֶּעט אִיךְ דִיר, שְׁרַייבּ מִיר אָפּ אַ גוּטֶע יָאר, אַ זִיסֶע יָאר, אַ גֶעזוּנְטֶע יָאר - פַאר מִיר, פַאר מַיין מַאן אוּן קִינְדֶער, אוּן פַאר אַלֶע אִידְן. גֶעבּ מִיר כֹּחַ צוּ זַיין אַ גוּטֶע וַוייבּ אוּן אַ גוּטֶע מַאמֶע, גֶעבּ מִיר כֹּחַ פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, גֶעבּ אוּנְז שֶׁפַע אוּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעשִׁיקְט מַיין מַאן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא הָאט גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס גְלֵייבְּט אִין אִים זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; הֶעלְף מִיר, מַיין מַאן אוּן מַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ גוּטֶע יָאר, אַ יָאר פוּן שָׁלוֹם, אַ לֶעבְּן פוּן לִיבְּשַׁאפְט, אַ לֶעבְּן פוּן מוּתֵּר זַיין אֵיינֶער פַאר'ן צְוֵוייטְן, אַ לֶעבְּן מִיט צַדִּיקִים; גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן צַדִּיקִים, פָאלְגְן אַ צַדִּיק.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ שׁוֹין רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, שִׁיק אוּנְז שׁוֹין מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ זָאל אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן אוּן אוּנְז אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ".

...

**עֶס וֶועט זַיין גוּט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס פְרֶעגְן טָאג און נַאכְט: "וָואס וֶועט זַיין?" - דָאס שְׁטֶעלְט אַלֶעס אָפּ. דוּ כַאפְּסְט נִישְׁט, דוּ בִּיסְט אַזוֹי צוּגֶעוואוֹינְט צוּ פְרֶעגְן דִי שְׁאֵלָה: "וָואס וֶועט זַיין?" "וָואס וֶועט זַיין?" דָאס אַלֵיינְס אִיז שׁוֹין אַ פְּגַם; עֶס אִיז אַ פְּגַם אִין אֱמוּנָה.

וָואס אִיז דִי שְׁאֵלָה: "וָואס וֶועט זַיין?" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶעוֶוען, עֶר אִיז יֶעצְט אוּן עֶר וֶועט זַיין בִּיז אֵייבִּיג; אִיז וָואס אִיז דִי שְׁאֵלָה "וָואס וֶועט זַיין?!"

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט בְּשֵׁם זַיין הֵיילִיגֶער בְּרוּדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ פַּרְשַׁת בְּהַר), וֶוען מֶען פְרֶעגְט 'וָואס וֶועט זַיין?' 'פוּן וואוּ וֶועלְן מִיר הָאבְּן פַּרְנָסָה?' 'וָואס וֶועט זַיין מִיט אַ שִׁידוּךְ?' 'וָואס וֶועט זַיין מִיט גֶעלְט אוֹיף יוֹם טוֹב וְכוּ' וְכוּ'?' דָאס שְׁטֶעלְט אָפּ דִי פַּרְנָסָה, דָאס שְׁטֶעלְט אַלֶעס אָפּ.

וֵוייסְט וָואס וֶועט זַיין? אַז דוּ וֶועסְט גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, דוּ וֶועסְט אוֹיסְלֶעשְׁן דַיין טֶעלֶעפָאן, דוּ וֶועסְט דַאוֶוענֶען פוּן אָנְהוֹיבּ בִּיז'ן סוֹף, דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא אוּן דוּ וֶועסְט רֶעדְן אַבִּיסְל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ זֶען וָואס וֶועט זַיין, עֶס וֶועט זַיין גוּט.

מִיר פָארְן קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ צוּם רֶבִּי'ן. הֶער נִישְׁט קַיין נַייעֶס; הָאבְּרֵךְ... נֵרוֹ יָאִיר פוּן שְׁטֶעטְל אִיז יֶעצְט גֶעפָארְן מִיט זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה קַיין אוּמַאן, עֶר זָאגְט: "וִוי לַאנְג מֶען הֶערְט נִישְׁט דִי נַייעֶס - וֵוייסְט מֶען נִיטַאמָאל אַז עֶס אִיז דָא אַ מִלְחָמָה, אַלֶעס גֵייט אָן גֶעהֶערִיג; וֶוער עֶס הֶערְט נַייעֶס - דֶער אִיז צֶעטוּמְלְט, דִי נַייעֶס לָאזְט נִישְׁט לֶעבְּן".

גֶעבּ אַכְטוּנְג וואוּ דוּ עֶסְט פְלֵיישׁ. מֶען הָאט יֶעצְט גֶעכַאפְּט אַ גֶעשֶׁעפְט פַארְקוֹיפְן טְרֵיפָה פְלֵיישׁ; יֶעצְט רַייסְן זִיךְ מֶענְטְשְׁן דִי הָאר פוּן קָאפּ אַז זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן נְבֵילוֹת וּטְרֵיפוֹת, דָּם וְחֵלֶב, אַזוֹיפִיל כְּרִיתוּת רַחֲמָנָא לִצְּלָן; מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וואוּ מֶען קוֹיפְט פְלֵיישׁ אוּן וואוּ מֶען עֶסְט פְלֵיישׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**אֵיינֶער וָואס קֶען מִיךְ דֶערנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז די גְרֶעסְטֶע מוֹפֵת, דָאס אִיז אַ רֶבִּי !**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן אַ גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן דֶעם בְּרֶענֶעדִיגְן יֵצֶר הָרָע, וַוייל נָאר תּוֹרָה רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִדּוּשִׁין ל:): "בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין", דִי תּוֹרָה רַאטֶעוֶועט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע; נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת, זָאג אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט, אוּן נֶעם אַ גְמָרָא, זָאג בְּלֶעטֶער גְמָרָא; דָאס זָאלְסְטוּ טוּן יֶעדְן טָאג, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן דִי קְדוּשָּׁה - עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם; וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה; בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה

אִיז?! תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס"; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז רָגִיל אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן, אוֹיבּ וֶועט עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה וֶועט עֶר אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד" (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג).

וָואס אִיז אַ רֶבִּי? וָואס אִיז אַ מוֹפֵת? נָאר אַזַא אֵיינֶער וָואס קֶען מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַיין בְּלָאטֶע, אֵיינֶער וָואס קֶען מִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מוֹפֵת, דָאס אִיז אַ רֶבִּי!

וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן - אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר גָאר וֵוייניג, אִיךְ הָאף אַז דִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְט עֶס אוֹיךְ נִישְׁט. דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁמֵייכְלֶען צוּ מִיר אוּן פְרֶעגְן מִיר: "וָואס אִיז פְּשַׁט מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַזוֹי גֶעטוּן?" "וָואס אִיז פְּשַׁט מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַזִי גֶעטוּן?" - דָאס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר גָאר וֵוייניג; אִיךְ קוּק וָואס אִיךְ הָאבּ אִין מַיינֶע הֶענְט, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיךְ אָנְגֶעכַאפְּט אוּן מִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶער פוּן דֶעם אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט.

עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעשְׁמַאק וֶוען חֲבֵרִים שְׁטֶעלְן אָפּ אוּן מֶען פְּרֶעגְט שְׁאֵלוֹת וֶועגְן אוּמַאן, שְׁאֵלוֹת וֶועגְן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, פְּרַאגֶעס אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ, אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט קוֹבֵעַ וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ טוּן. וָואס מֵיינְסְטוּ, מִיר הָאט מֶען גוּט אוֹיסְגֶעצַאפְּט דָאס בְּלוּט, גָאר נָאנְטֶע חֲבֵרִים, מִיט אַזֶעלְכֶע גְרָאבֶּע לָשׁוֹן הָרָע'ס אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ; עֶס הָאט מִיר גוּט גֶעצִיפְּט אִין הַארְץ, וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן? אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין דִי זַייט אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער שֵׁנִי לַמַּלְכוּת הָאט גֶעטוּן (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה א), וֶוען דִי גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן, דִי ווִילְדֶע מֶענְטְשְׁן, דֶער חַיּוֹת מֵבִין, דֶער פֵייגְל פַארְשְׁטֵייעֶר, אוּן דֶער אָנְפִירֶער פוּן דִי ווִינְט הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן אִים. דֶער שֵׁנִי לַמַּלְכוּת הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז יָא דָא"; אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז דָא אַ צַדִיק וָואס קֶען מִיךְ פַארְעֶכְטְן, אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז דָא אַ צַדִיק וָואס קֶען מִיךְ נִידְרִיגֶער מֶענְטְשׁ - בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער שֵׁנִי לַמַּלְכוּת, וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי מֶען לַאכְט פוּן אִים, מֶען שְׁפֶּעט פוּן אִים, הָאט עֶר גֶעוֵויינְט אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז יָא דָא";

עֶס אִיז דָא אַ צַדִיק וָואס אַלֶע רֶעדְן אוֹיף אִים און אַלֶע קְרִיגְן אוֹיף אִים, און אַלֶע לֶעבְּן פון אִים - וָואס קֶען מִיר אוֹיךְ גֶעבְּן לֶעבְּן.

פְּרֶעג נִישְׁט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן; וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אִין אוּמַאן דִי עֶרְשְׁטֶע יָאר הָאבְּן אַלֶע גֶעלַאכְט פון מִיר: 'דוּ דַאוֶוענְסְט נִישְׁט אִין קְלוֹיז? אַ שָׁאד, אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין יָא אִין אוּמַאן פַארְוָואס בִּיסְטוּ נִישְׁט יוֹצֵא דִי קִיבּוּץ?!' אִיךְ בִּין גֶעוֶוען הִיבְּשׁ צֶעמִישְׁט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוַואלְגֶערְט דָא און דָארְט, בִּיז אִיךְ הָאבּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען און זִיךְ גֶעזָאגְט: 'וָואס הָאסְטוּ מִיט אַלֶע מְדַבְּרִים? קוּק אוֹיף דִיר, קוּק וֶוער מַאכְט דִיךְ לֶערְנֶען, וֶוער מַאכְט דִיךְ דַאוֶוענֶען, וֶוער שַׁיינְט דִיר אוֹיף דִי אֱמוּנָה?' אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן יֶעדֶעס מָאל וֶוען מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּ מִיר דִּבְרֵי לֵיצָנוּת אוֹיף הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

אַז עֶס קוּמְט דִיר אַרַיין סְפֵיקוֹת וּבִלְבּוּלִים - זָאלְסְטוּ דָאס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר און וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט דִיר, צוּ וָואס פַאר אַ דַרְגָּא דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דִיר, אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט דִיר, און בֶּעט אִים אַז דִי אַלֶע בִּלְבּוּלִים זָאלְן דִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְנֶעמֶען פון רֶבִּי'ן.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט הַיינְט בַּאצָאלְן שְׂכַר לִימוּד, מִיר קֶענֶען נִישְׁט אָנְגֵיין; אִיךְ מוּז בַּאצָאלְן דִי מְלַמְדִים, אִיךְ קֶען דָאס נָאר טוּן אַז דוּ גֵייסְט הַיינְט צָאלְן שְׂכַר לִימוּד. אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט בַּאצָאלְן פָארְאוֹיס אוֹיף חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי; אִיךְ וֵויס דוּ פְּלָאגְסְט זִיךְ, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט; דָאס אִיז נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ. שְׂכַר לִימוּד קוּמְט דִי עֶרְשְׁטֶע אוֹיפְ'ן לִיסְט, שְׂכַר לִימוּד אִיז נִישְׁט קַיין צְדָקָה, שְׂכַר לִימוּד קוּמְט פַאר זוֹיעֶרֶע חַלָּה און וַויין פַאר שַׁבָּת. פַאר צֶעדְרֵייטֶע זַאכְן הָאסְטוּ גֶעלְט און וֶוען עֶס קוּמְט צוּ צָאלְן שְׂכַר לִימוּד פַאר דַיינֶע קִינְדֶער - דָארְט דְרֵייסְטוּ זִיךְ אַרוֹיס, אִיךְ קֶען נָאר וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי מוֹסְדוֹת אַז דוּ צָאלְסְט שְׂכַר לִימוּד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאר קִינְדֶער

## דֶער רֶבִּי הֶערְט דִי בַּקָשׁוֹת בַּיים צִיּוּן

"טַאטֶע!!!" "טַאטֶע!!!" וֶוער שְׁרַייט אַזוֹי הוֹיךְ?!

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען וואוֹינֶען אִין אוּמַאן דִי לֶעצְטֶע יָאר פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת, דֶעם רֶבִּינְ'ס דִירָה אִיז גֶעוֶוען נֶעבְּן דֶעם בֵּית הַחַיִּים. דָארְט פְלֶעגְט מֶען אַלְץ הֶערְן קוֹלוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן וִוי זֵיי קוּמֶען שְׁרֵייעֶן, זֵיי קוּמֶען דַאוֶונֶען בַּיי דִי קֵבֶר פוּן זֵייעֶר טַאטֶע.

פַּאסִירְט אַמָאל, דֶער רֶבִּי זִיצְט אִין שְׁטוּבּ מִיט זַיין טָאכְטֶער, אוּן פְלוּצְלוּנְג הֶערְן זֵיי אַ גֶעשְׁרֵיי, "טַאטֶע!!!" "טַאטֶע!!!" דֶער רֶבִּי קוּקְט אַרוֹיס פוּן פֶענְסְטֶער אוּן זֶעט אַ אִידֶענֶע שְׁרַייט בַּיים קֵבֶר פוּן אִיר טַאטֶע, זִי שְׁרַייט אוּן וֵויינְט: "טַאטֶע... טַאטֶע..." זִי אִיז אַזוֹי פַארְבִּיטֶערְט, זִי שְׁרֵייט מִיט אִיר גַאנְצֶע הַארְץ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער: "דִי אִידֶענֶע שְׁרֵייט טַאקֶע מִיט אִיר גַאנְצֶע הַארְץ, אָבֶער אִיר טַאטֶע אִיז נִישְׁטָא, אִיר טַאטֶע הֶערְט נִישְׁט וָואס זִי שְׁרֵייט; אַ שָׁאד אַז זִי שְׁרֵייט דָא אוּמְזִיסְט".




אִיךְ וֶועל הֶערְן דַיין גֶעבֶּעט

דֶער רֶבִּי זָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער: "טָאכְטֶער טֵייעֶרֶע, וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט אוּן דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּ מַיין צִיוּן – וֶועל אִיךְ יָא הֶערְן, וַוייל וֶוען אַ צַדִיק גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אִיז דָאס אַזוֹי וִוי עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן אֵיין שְׁטוּבּ אוּן גֵייט אִין אַ צְוֵוייטֶע שְׁטוּבּ".

דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיין אִינֶעם צְוֵוייטְן צִימֶער אוּן זָאגְט אִיר: "שְׁרֵיי 'טַאטֶע!' אַזוֹי וִוי יֶעצְט הֶער אִיךְ דַיין גֶעבֶּעט – אַזוֹי וֶועט זַיין וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֵבֶר, מֶען וֶועט

בֶּעטְן בַּיי מַיין צִיּוּן - וֶועל אִיךְ הֶערְן וָואס מֶען בֶּעט".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, יֶעצְט וֶוען מִיר פָּארְן קַיין אוּמַאן, מִיר גֵייעֶן צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן - וֶועלְן מִיר בֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן אַלֶע אוּנְזֶערֶע בַּקָּשׁוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן.